# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

כי תשא

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל


פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com


באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com


מכון
באר האמונה

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1660 45th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**



2023 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## כי תשא


וראית את אחורי - שפעטער זעהט מען ווי אַלעס איז געווען צום גוטן ........................................ב

כי תשא את ראש - נישט אַרומגיין מיט 'אַראָפּגעלאָזטע נאָז' אפילו נאָכ'ן חטא ..................ו

לעשות את השבת - אַלעס לויט די הכנה צום שבת ...........................................י

ונתנו - טוהן צדקה וחסד און באַקומען דערפאַר לפנים משורת הדין ............................יב

לקיים את אגרת הפורים - מיטנעמען מיט זיך די השפעות פון פורים ..............................טו



סדר ועימוד:

**א.י.ש. אשדוד**

shwrtz@bezeqint.net

# כי תשא

**וראית את אחורי - שפעטער זעהט מען ווי אַלעס איז געווען צום גוטן**

**אין** דער היינטיגער פרשה (לג, כג) לייענען מיר: 'וראית את אחורי ופני לא יראו'. עס פּאַסירט אַסאַך מאָל אַז דער מענטש טוט אַריבערגיין פאַרשידענע מוארות און מקרים, און ער האָט ממש נישט קיין מנוחה. ער דרייט זיך אַרום אויף דער וועלט ווי אַ שיכור ח"ו, פון גרויס צעטומלעניש ווייסט ער נישט ווי זיך אַהינצוטוהן. נו וואס איז די עצה? די איינציגסטע עצה איז, זיך צו אָנגאַרטלען און שטאַרקן צו וויסן קלאָר אַז אַלעס איז פון הימל[א]. און זאָגן צו זיך אַליין: 'חבי כמעט רגע' - וואַרט-צו אַ רגע, וועסטו זעהן אַז אַלעס איז מיט אַ

---

**א.** אָפט מאָל געפינט זיך דער מענטש אין אַ קלעם, ברוחניות אָדער בגשמיות. צי עס האַנדלט זיך וועגן פרנסה, אָדער וועגן שידוכים, רפואה אָדער נחת א.א.וו. ער הענגט אָן זיינע האָפענונגען אויף אַ צווייטן מיט וועמען ער איז בידידות שוין לאַנגע יאָרן, און יענער האָט פאַרשידענע "פאַרבינדונגען" אין די "הויכע פענצטער", אָדער ער איז געבענטשט געוואָרן מיט עשירות, אָדער אַנדערע האָפענונגען און ערוואַרטונגען וואָס אַ מענטש קען האָבן. דערוויַיל, ווען ער קומט אָן צו זיין ידיד אָדער ער ווענדעט זיך צו אַן 'עסקן' פאַר אַ טובה, מאַכט יענער אַוועק זיין בקשה, אָדער ער וויַיזט איהם אַז ער איז נישט בכח אָדער ער וויל נישט העלפן... ווערט דער מענטש פיל מיט טענות אויף יענעם, אַ זאַך וואָס טוט אַוודאי נישט צוגעבן צו זיין געזונט, נישט פיזיש, און נישט גייסטיש. איז די עצה, מ'זאָל וויסן אַז מ'איז אָנגעוויזן נאָר אויף דעם אויבערשטען וואָס ער פירט די וועלט, און נישט אויף אַ בשר ודם. נישט זיי זענען די וואָס באַשליסן פאַר איהם, נאָר אַלעס איז פון הימל. יעדע הילף איז פון אויבן. לב מלכים ושרים ביד ה'. ס'איז נישט דאָ אַ מענטש אויף דער וועלט וואָס קען איהם העלפן אָדער שטערן, אויב דער אויבערשטער האָט נישט געהייסן עס זאָל אַזוי זיין, 'לטב' אָדער 'למוטב'. אַלעס איז מיט אַ חשבון פון אויבן.

ווי באַקאַנט, איז דער גאון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל הי"ד געשטאַנען אין שפּיץ פון דער ישיבה 'אהל תורה' אין באַראַנאָוויטש. די הנהלת הישיבה האָט געהאַט אַסאַך חובות, און ס'איז נישט מעגליך געווען צוצושטעלן אַפילו אַן אָרים שטיקל ברויט פאַר די תלמידים. איז רבי אלחנן געצוואונגען געוואָרן צו נעמען דעם וואַנדער-שטעקן אין האַנט, און אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד, מעורר צו זיין אידן איבער דעם גרויסן זכות און דעם חיוב צו זיין פון די מחזיקי תורה. ער פלעגט אַרומגיין אין די שבתים איבער די שולן, וואו ער האָט אויפגעטראָטן מיט דרשות און די צוהערער פלעגן זיך מתחייב זיין מיט שיינע סכומים פאַר די ישיבה.

איינמאָל ווען דער גאון רבי אלחנן האָט געהאַלטן זיין דרשה אין אַ שול נאָך קבלת שבת, האָט ער ברייט אַרומגערעדט מיט וואַרימע ווערטער וועגן די גרויסקייט פון די לומדי תורה, און דעם גרויסן זכות וואָס אַ איד האָט ווען ער קען זיין פון די 'תמכין דאורייתא'. ער האָט ברייט געשילדערט די אָרימע לאַגע אין וועלכער ידי ישיבה געפינט זיך, און ווי די בחורים הונגערן ממש פאַר אַ שטיקל ברויט. ער האָט גזאָגט, אַז אויסצוהאַלטן די ישיבה במשך איין וואָך, קאָסט אַרום אַכציג דאָלאַר (אַ שיינער סכום אין יענע צייטן), און איין טאָג, קאָסט עלף דאָלאַר און 43 סענט. ער האָט זיך דעריבער געוואָנדן צום עולם, מיט אַ בקשה צו זיין פון די פרנסים פון די ישיבה. ווער עס קען, זאָל נעמען אויף זיך כאָטש 'אַ וואָך', אָדער 'אַ טאָג'.

די 'דברים היוצאים מן הלב', פונעם הייליגן האַרץ פון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל, האָבן טאַקע אַריינגעדרינגען אין די הערצער פון די מתפללים, ספּעציעל ווען עס קומט אַרויס פון אַזאַ גברא רבה ווי רבי אלחנן, און עס האָט איבערגעלאָזט גאָר אַן איינדרוקספולן רושם אויף די אידן אין שול. נאָך דעם ווי רבי אלחנן האָט געענדיגט רעדן, איז אָבער דער רב פון דער שול אַרויף אויף דער בימה, און האָבנדיג 'רחמנות' אויפ'ן געלט פון זיין ציבור מתפללים, האָט ער זיך גענומען שילדערן דעם גרויסן זכות וואָס מ'האָט ווען מ'גיט אַפילו איין איינצעלנעם דאָלאַר... ווי חשוב ס'איז אין הימל יעדע פּרוטה וואָס אַ מענטש גיט פאַר צדקה. צום ווייטאָג פון ר' אלחנן וואַסערמאַן, האָט דער רב באַוויזן 'אָפּצוקילן' די מתפללים, און זיינע ווערטער האָבן אויפגעטוהן. די יעניגע אידן אין שול, וואָס האָבן ממש פריער געטראַכט בייצושטייערן שיינע סכומים פאַר דער ישיבה אין באַראַנאָוויטש, אָבן זיך יעצט מתחייב געווען נאָר עטליכע דאָלאַר, 'למחצה, לשליש, ולרביע'... דער אַפּיעל איז אַדורכגעפאַלן.

אַזוי אַז דער רב פון שול האָט געשפּירט אַז ער האָט 'קאַליע געמאַכט' פאַר רבי אלחנן'ען זיינע באַמיאונגען צו שאַפן געלט אין דער שול פאַר זיין ישיבה. ער האָט אַלזאָ באַשלאָסן צוצוגיין צו רבי אלחנן איהם איבערבעטן. האָט רבי אלחנן געזאָגט צו דעם רב:

- מיר לייענען אין דער תורה (פרשתינו, לא, א-ה) 'וידבר ה' אל משה לאמור, ראה קראתי בשם בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה וגו', לעשות בזהב ובכסף ובנחושת וגו', לעשות בכל מלאכה'. לאָמיר זיך אַלזאָ פאָרשטעלן ווי אַזוי עס האָט אויסגעזעהן ווען משה רבינו ע"ה איז אַראָפּגעקומען פונעם באַרג און געזוכט בצלאל בן אורי בן חור, כדי איהם צו לאָזן וויסן די ווערטער פונעם אויבערשטען, אַז ער, בצלאל, איז אויסגעקליבן געוואָרן צו בויען דעם משכן און זיינע כלים. משה איז צוגעגאַנגען צום ערשטן איד וועמען ער האָט באַגעגנט, און איהם געפרעגט, 'זאָג מיר, ביטע, דיין נאָמען... אפשר הייסטו בצלאל, דער זון פון אורי?'. האָט דער איד געענטפערט, ניין, איך הייס נישט בצלאל, נאָר מיין נאָמען איז ראובן בן יעקב... איז משה געגאַנגען ווייטער, און געפרעגט אַ צווייטן אויב ער הייסט אפשר בצלאל בן אורי בן חור. האָט יענער געענטפערט, ניין, מיין נאָמען איז שמעון בן יעקב... און אַזוי ווייטער און ווייטער... נו, איז דען איינגעפאַלן פאַר משה רבינו ע"ה צו ווערן ברוגז אויף די דאָזיגע אידן פאַרוואָס זיי בויען נישט דעם משכן?... ניין, אַוודאי און אַוודאי האָט ער נישט געקענט האָבן טענות צו קיין איינעם פון די אידן וועמען ער האָט געפרעגט זייערע נעמען, פאַרוואָס זיי בויען נישט דעם משכן, ווייל זיי הייסן דאָך נישט בצלאל, און פון הימל האָט מען אויסגעקליבן בצלאל צו בויען דעם משכן... די אַנדערע אידן זענען דאָך נישט אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דעם צוועק. ממילא, קען קיינער נישט האָבן קיין טענה צו זיי, פאַרוואָס זיי הייסן ראובן אָדער שמעון, און נישט בצלאל...

און רבי אלחנן האָט אויסגעפירט:

- מן השמים האָט מען גוזר געווען אויף דעם ציבור מתפללים דאָ אין דער דאָזיגער שול, אַז זיי זאָלן נישט זוכה זיין אויפצושטעלן אַ 'משכן' פאַר דער הייליגער תורה, און ממילא, דאַרף איך גיין זוכן די אידן וואָס הייסן 'בצלאל בן אורי בן חור', וואָס זענען אויסגעוויילט געוואָרן אין הימל צו האָבן דעם זכות צו זיין פון די מחזיקי תורה. ממילא, האָב איך נישט וואָס צו זיין בייז אויף אייך און אויף אייערע מתפללים...

פון די מעשה, לערנען מיר גאָר אַ שטאַרקן לימוד. אויב איינער ענטפערט נישט דיין בקשה דיר צו טוהן אַ געוויסע טובה, האָסטו נישט וואָס זיך אָפּצורעדן אויף איהם פאַרוואָס ער האָט אַ 'פאַרשטאָפּט' האַרץ, ווייל אַלעס איז פון הימל, און אַזוי איז נגזר געוואָרן אויבן אין הימל אַז נישט ער זאָל דיר העלפן, נאָר אַ צווייטער, וועמען מ'האָט פון הימל באַשטימט פאַר דעם צוועק...

מ'דערציילט (געברענגט אין ספר 'תורת המגיד מזלאטשוב'), אַז אַ חסיד פון הייליגן רבי'ן רבי מיכל'ע זלאָטשובער זי"ע, האָט זיך אַמאָל אָפּגערעדט פאַר'ן מגיד וועגן זיין שווערע לאַגע אין פרנסה, ספּעציעל יעצט אַז ער האַלט פאַר די חתונה פון זיין חשוב'ן זון. ער בעט אַלזאָ פונעם רבי'ן, אַז ער זאָל פאַר איהם אָפּשרייבן אַ המלצה-בריוו, מיט וועלכן ער זאָל זיך קענען ווענדן צו רייכע אידן, וועלכע וועלן אַוודאי אָנפילן זיין טאַשן מיט שיינע סכומים, וואָס זאָלן זיין גענוג פאַר איהם צו לעבן און אַפילו חתונה צו מאַכן זיין זון אין אַ מזל'דיגער שעה. ווען אידן, רחמנים בני רחמנים, וועלן זעהן בריוו פונעם הייליגן רבי'ן, וועלכער איז באַקאַנט אַלס אַ צדיק יסוד עולם, וועלן זיי אַוודאי עפענען זייערע הערצער און זייערע טאַשן. האָט הרה"ק רבי מיכל'ע איהם געזאָגט: 'איך געב נישט קיין המלצות'. דער איד האָט זיך שטאַרק איינגעבעטן, אָבער דער רבי ר' מיכל'ע האָט זיך געהאַלטן ביים זיינס: איך וועל דיר נישט שרייבן אַ המלצה-בריוו.

אַ צייט שפּעטער, האָט דער איד געזאָגט צום מגיד: נו, אויב דער רבי וויל מיר נישט געבן אַ בריוו, אָבער אפשר קען דער רבי מיר כאָטש זאָגן די סיבה פאַרוואָס ער וויל בשום אופן נישט געבן מיר אַ בריוו. האָט דער רבי ר' מיכל'ע איהם געענטפערט:

- זאָג מיר, אויב דו וואָלסט אָנקומען מיט מיין המלצה-בריוו צו אַ געוויסן עושר, און יענער וואָלט געבליבן גלייכגילטיג און וואָלט דיר געגעבן בלויז עטליכע פּרוטות, און מעגליך אַז אויך דאָס וואָלט ער דיר נישט געגעבן, וואָס וואָלסטו איהם געטוהן?

האָט דער חסיד געענטפערט: 'איך וואָלט איהם דערלאַנגט צוויי פּעטש... וואָס הייסט, אַזוי איז מען מזלזל אין דעם רבי'נס בריוו?'. האָט רבי מיכל'ע זלאָטשובער איהם געענטפערט:

- אָה, זעהסטו, טאַקע דערפאַר האָב איך דיר נישט געוואָלט געבן אַ בריוו. דו דאַרפסט גוט-גוט פאַרשטיין, אַז אין הימל איז דאָ אַ 'רשימה', א פונקטליכע ליסטע וואו עס שטייט פאַרשריבן וויפיל יעדער מענטש איז אָנגעגרייט צו געבן פאַר אַ געוויסן צוועק פון 'הכנסת כלה'. און לויט דער ליסטע, עפענט יעדער איינער זיין האַנט און ער גיט צו דער זעט. דער דאָזיגער עושר וואָס גיט דיר נישט מער ווי געציילטע פרוטות, טוט עס נישט דערפאַר ווייל ער האָט אַ שלעכט האַרץ, נאָר ווייל ער איז נישט פאַרשריבן אין דער רשימה וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אין הימל פאַר דיינע ביישטייערער... אַלעס ווענדעט זיך אין די ליסטע וואָס מ'גייט צו אין הימל.

און דער רבי ר' מיכל'ע האָט אויסגעפירט:

- אויב דו וואָלסט געגלייבט אין מיינע ווערטער, וואָלסטו נישט געהאַט קיין תרעומות אויף קיין איינעם וואָס גיט דיר נישט אַ נדבה הגונה, ווייל דו האָסט דאָך אַפילו נישט קיין אָרט צו האָבן צו איהם אַ 'טענה'...

דער חסיד האָט אָנגענומען די ווערטער פונעם רבי'ן ר' מיכל'ע, און דאַן האָט דער רבי איהם אָפּגעשריבן אַ שיינעם המלצה-בריוו. מיט וועלכן דער חסיד האָט זיך אַרויסגעלאָזט אַ פרייליכער אין וועג, זייענדיג זיכער אַז מיט אַזאַ בריוו איז זיין ישועה נאָנט. ער דאַרף נאָר גיין צו איין נגיד, און אַלעס וועט זיין 'געדעקט'...

גלייכצייטיג דערמיט, האָט ער זיך גוט איינגע'חזר'ט דעם רבין'ס ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט אַז אַלעס איז אָנגעוויזן אויף די 'ליסטע' פון נדיבים וואָס מ'האָט אויפגעשריבן פאַר איהם אין הימל. ער איז באַלד צוגעפאָרן צום הויז פון אַ געוויסן נגיד, וועלכער איז געווען פון די גרויסע חסידים פונעם רבי'ן ר' מיכ'לע, און ער פלעגט געוועינליך פאָלגן אַלעס וואָס דער רבי האָט געהייסן טוהן. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט פון דאָרט אַרויסגיין אַ געהאָלפענער, און ער וועט אַפילו נישט דאַרפן גיין צו אַנדערע 'אַדרעסן'...

ווען ער איז אָנגעקומען אין הויז פונעם גביר, האָט ער פאָרגעלייגט פאַר איהם זיין מצב, ווי ער מוטשעט זיך מיט פרנסה, ספּעציעל יעצט, ווען ער האַלט פאַר'ן חתונה מאַכן זיין זון. ער האָט אויך געוויזן פאַר דעם עושר דעם בריוו פון זלאָטשובער מגיד. דער גביר האָט אָפּגעלייענט דעם בריוו מיט אַ מורא'דיגע "קאַלטקייט". ער האָט זיך נישט געמאַכט צופיל צו טוהן, נאָר איהם דערלאַנגט עטליכע אָפּגעריבענע פרוטות, כדי יוצא צו זיין... דער חסיד האָט פשוט נישט געגלייבט וואָס זיינע אויגן זעהען... ווי אַזוי איז מעגליך, אַז אַזאַ נגיד, און אַ חסיד פון הייליגן מגיד, זאָל זיך אַזוי פירן. ער האָט אַפילו שיער שוין 'אויסגעלאָזט זיין צאָרן' אויף דעם גביר... אין יענע מינוט האָט ער זיך אָבער דערמאָנט די ווערטער וואָס דער הייליגער רבי ר' מיכל'ע זי"ע האָט איהם געזאָגט, און ער האָט זיך גענומען חזר'ן: 'דער גביר, איז, ווי עס ווייזט אויס, נישט פאַרשריבן אויף דער ליסטע אין הימל...'. ווען דער גביר האָט געהערט די ווערטער, האָט ער זיך דערשראָקן, די הענט און פיס און האָבן אָנגעהויבן ציטערן פון גרויס פחד... ווער ווייסט אויף וועלכע 'ליסטע' זיין נאָמען ערשיינט נישט... האָט ער געפרעגט דעם חסיד, וואָס ער האָט געזאָגט. האָט דער חסיד איהם געענטפערט: 'גאָרנישט, דאָס איז אַ פריוואַטער ענין צווישן מיר און דעם רבי'ן...', לויט ווי דער רבי האָט מיר געזאָגט, ווייזט אויס אַז דו ערשיינסט נישט אויף יענער 'ליסטע'...'.

אַ דערציטערטער, האָט דער עושר מער נישט געקענט פאַרבלייבן גלייכגילטיג, ווער ווייסט פון וואָס פאַר אַ 'רשימה' דער רבי האָט אויסגעמעקט זיין נאָמען... פון דער רשימה פון די לעבעדיגע, אָדער פון די רשימה פון די רייכע לייט... ער האָט זייער געבעטן דעם איד, ער זאָל איהם דערציילן וואָס פאַראַ 'ליסטעס' ער פירט מיט אונזער הייליגער רבי'ן... ער האָט אַפילו צוגעזאָגט איהם צו געבן דעם גאַנצן סכום וואָס ער דאַרף האָבן, אַבי ער זאָל איהם אויסזאָגן וועגן וואָס פאַר אַ 'ליסטע' מ'רעדט דאָ. האָט דער חסיד איהם געזאָגט, אַז אויב ער וועט אַראָפּלייגן דאָס גאַנצע געלט אויפ'ן טיש, וועט ער איהם אַנטפּלעקן דעם 'סוד', וועגן וואָס פאַר אַ ליסטע מ'רעדט דאָ. דער עושר האָט טאַקע אַראָפּגעלייגט די גאַנצע סומע אויפ'ן טיש, און דער חסיד האָט איהם דערציילט די גאַנצע מעשה מיט'ן רבי'ן, צוגעבנדיג: 'יעצט, אַז איר האָט געגעבן דעם גאַנצע סכום, ערשיינט איר מיט גרויסע אותיות אויף די 'רשימה של מעלה'...

לדידן יאמר, אָפט מאָל דריי זיך דער מענטש אויף דער וועלט פול מיט טענות, דער העלפט מיר נישט, און יענער רודפ'ט מיך, א.ד.ג. דאַרף מען וויסן, אַז ס'איז דאָ אַ 'ליסטע' אין הימל וואו עס ערשיינען די נעמען פון די מענטשן וואָס דאַרפן איהם העלפן, און די וואָס זאָלן איהם שעדיגן ח"ו, און אַלעס וועט פאַסירן לויט ווי ס'איז פאַרשריבן אין דער הימלישער 'ליסטע'... נישט דער מענטש באַשליסט וואָס עס זאָל זיין, נאָר דער באַשעפער כביכול טוט אויספילן די נעמען אויף דער 'ליסטע'.

חשבון פון הימל. צום סוף וועסטו זעהן אַז אַלעס איז געווען פאַר דיין פולשטענדיגע טובה[ב].

אַזוי האָט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע געטייטשט ('תורת משה', ד"ה 'וראית'), דעם פסוק 'וראית את אחורי', מיר זעהען אַסאַך זאַכן אויף דער וועלט וואָס מיר וואונדערן זיך דערויף פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט אַזוי געמאַכט, אָבער מיט דער צייט זעהען מיר און מיר פאַרשטייען למפרע, אַז אַעס איז געווען אַ הכנה צו אַ גרעסערע זאַך[ג].

---

די בעל הרמז זאָגן, 'מכה' איז ראשי תיבות מ'סבב כ'ל ה'סיבות, און ס'איז אויך ראשי תיבות מ'לך כ'ל ה'ארץ. דאָס איז אַ רמז, אַז ביי יעדע מכה וואָס קומט אויפ'ן מענטש, סיי דורך אַנדערע, סיי דורך זיך אַליין, ווען עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ער איז 'שולדיג' דערין, זאָל ער געדענקען אַז דער מ'לך כ'ל ה'ארץ, וואָס ער איז דער מ'סבב כ'ל ה'סיבות, האָט עס געברענגט אויף איהם.

**ב.** אין דער היינטיגער פרשה לייענען מיר, נאָך דעם חטא העגל (לג, ו) 'ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב'.

חז"ל זאָגן (שבת פח.) אַז ווען די אידן האָבן מקדים געווען 'נעשה' פאַר 'נשמע', זענען געקומען 600 טויזנט מלאכים און צוגעבונדן צו יעדן איד צוויי קרוינען, איין קרוין אַנטקעגן 'נעשה', און אַ צווייטע קרוין - אַנטקעגן 'נשמע'. ווען די אידן האָבן געזינדיגט ביים עגל, זענען אַראָפּגעקומען פון הימל 120 טויזנט מלאכי חבלה און אַראָפּגענומען די קרוין פון קאָפּ פון די אידן, און אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורבן'. דאָס הייסט, ווען מ'האָט אָנגעטוהן די קרוינען אויף די קאָפּ פון די אידן, איז יעדער מלאך געקומען מיט צוויי קרוינען, און צוליב דעם איז געווען גענוג זעקס הונדערט טויזנט מלאכים, אָבער ביים אַראָפּנעמען די קרוינען, איז אויף יעדע קרוין געקומען אַ באַזונדערער מלאך, און וועגן דעם האָט מען געדאַרפט האָבן 120 טויזנט מלאכים.

פרעגן די מפרים, מיר ווייסן דאָך אַז 'מרובה מדה טובה ממדת פורענות'. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט מען ביי די פורענות (ביים אַראָפּנעמען די קרוינען) אַראָפּגעשיקט דאָפּלט אַזוי פיל מלאכים, ווי ביים אָנהטוהן זיי די קרוינען? (זעה אויך שבת, דאָרט, תוספות ד"ה 'ירדו')

ענטפערט דער 'עיון יעקב', אַז דער אויבערשטער האָט אַראָפּגעשיקט פון הימל 120 מלאכי חבלה אַראָפּצונעמען די קרוינען, 'כדי שלא ישהו באותה שעה הרבה מקטרגים בשמים ממעל' - כדי עס זאָל זיך דעמאָלס נישט געפונען אַסאַך מקטרגים אויבן אין הימל. ווייל זיי וועלן זיין פאַרנומען כביכול דאָ מיט זייער ארבעט אויף דער וועלט! און דאָס איז געווען די 'מדה טובה' פון דעם אויבערשטען, אַז די מקטרגים זאָלן זיך נישט געפינען אין הימל בשעת דעם חטא העגל.

פון די ווערטער פונעם 'עיון יעקב', קענען מיר לערנען אַ שטאַרקן לימוד. בשעת אויף דער וועלט האָט עס אויסגעזעהן ווי עס איז דער גרעסטער 'הסתר פנים' ח"ו, אַז עס זענען אַראָפּגעקומען אַ דאָפּלטע צאָל מלאכי חבלה רח"ל, זעהט דאָך עס אויס אויבנאויף ווי די מדה פון פורענות איז חלילה גרעסער ווי די מדה פון רחמנות, אָבער דער אמת איז געווען, אַז דאָס אַליין איז געווען פון דעם אויבערשטען'ס מדה פון רחמנות, אַז די מקטרגים זאָלן זיך נישט געפינען אויבן אין הימל, כדי זיי זאָלן נישט מקטרג זיין אויף אידישע קינדער. פון דעם לערנען מיר אַז די גאַנצע הנהגה פון דעם אויבערשטען איז לטובה. אויך די גרעסטע פינצטערניש איז חסד און רחמים. דאָס וואָס זעהט אויס 'אונטן' ווי אַ רעה ח"ו, איז 'אויבן' גאָר אַ גוטע זאַך, פול מיט חסדים פאַר אידישע קינדער.

יעדער איינער אין זיין אייגענע מצב, ווען ער זעהט פון אַלע זייטן 'מלאכי חבלה' רח"ל... וואו ער דרייט זיך, איז ער אַרומגענומען מיט שוועריגקייטן און שטערונגען, דאַרף דאס גוט געדענקען, זיך שטאַרקן און מחזק זיין מיט די לימוד פונעם דערמאָנטן 'עיון יעקב'. אַזוי אַרום וועט עס ביי איהם פאַרווירקליכט דער פסוק (תהלים קיז, יא-יב) 'סבוני גם סבבוני וגו' סבוני כדבורים', זיי נעמען מיך אַרום ווי די בינען ח"ו. אָבער באמת איז באַהאַלטן גאָר אַ גרויסע טובה אין דעם וואָס די מקטרגים געפינען זיך דאָ, און נישט אויבן...

**ג.** דער 'חפץ חיים' זי"ע האָט געזאָגט אַ משל, אַ מענטש האָט איבערגענעכטיגט אַלס גאַסט אין אַ האָטעל.

אינדערפרי, ווען ער האָט זיך געזעגנט פון דעם האָטעל-אייגנטימער און איהם באַצאָלט וואָס ער קומט איהם, האָט ער אויסגעדרוקט זיין צופרידנהייט פונעם אויפהאַלט דאָ, אָבער ער האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט עטליכע באַמערקונגען וואָס ער וויל אויפמערקזאַם מאַכן פאַר'ן האָטעל-אייגנטימער... צום ביישפיל, דער אופן ווי מ'האָט

**שרייבט** דער 'חתם סופר', אזוי האט פאסירט ביי דעם נס פון פורים, ושתי איז גע'הרג'עט געווארן און מ'האט גענומען אסתר און איר געקרוינט אלס קעניגין פון אחשוורוש, מיט פארשידענע סיבות וואס האבן צוגעפירט דערצו, וואס דאס אלעס איז געווען א הכנה פאר דער ישועה פון די אידן. אט די אמונה איז א גרויסע טובה פאר אונז, ווייל מיר באקומען שכר פאר די דאזיגע אמונה[ד].

**דאס** איז די כוונה פון פסוק: 'וראית את אחורי' - דו וועסט קענען זעהן די תכלית פון דער זאך, ערשט שפעטער. ווען עס פאסירט דער תכלית און ציל דערפון, וועסטו קענען פארשטיין פארוואס עס האט אזוי געדארפט זיין. אבער 'ופני' - אויבנאויף, בשעת מעשה, איידער דער תכלית ווערט פארווירקליכט, קענסטו נישט פארשטיין דעם תכלית, עכ"ד.

**ממילא**, דארף מען זיך שטארקן מיט אמונה, און צום סוף וועלן מיר זעהן אז 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד' (ברכות ס:).

### כי תשא את ראש - נישט ארומגיין מיט 'אראפגעלאזטע נאז' אפילו נאכ'ן חטא

**זה** יתנו כל העובר על הפקודים מחצית השקל בשקל הקודש, עשרים גרה השקל מחצית השקל תרומה לה' (ל, יג).

**די** גמרא זאגט (קידושין מ:) אז א מענטש דארף זיך שטענדיג זעהן ווי ער איז 'חציו חייב וחציו זכאי' א העלפט איז ער 'חייב', און א העלפט איז ער 'זכאי'. אויב ער איז מקיים א מצוה, וואויל איז איהם, ווייל ער האט זיך איבערגעוואויגן לכף זכות[ה]. אויב ער האט חלילה געטוהן אן עבירה, ווי איז איהם, ווייל ער האט מיט די עבירה זיך איבערגעוואויגן לכף חובה ח"ו[ו].

---

אוועקגעשטעלט די שענק אינעם צימער, וואלט געווען בעסער ווען עס שטייט ביי דער אנדערער וואנט... אזוי אויך דער אויוון, א.א.וו. האט דער בעל הבית איהם געזאגט:

- איר זענט געקומען דא אין האטעל אויף איין נאכט, און איר וואלט שוין ענדערן אלע סדרים דא, און 'פארעכטן' דאס ארט... אפשר ווילט איר דא וואוינען אויף א פערמאנענטן אופן...

דער נמשל איז קלאר: מיר געפינען זיך אויף דער וועלט 'שבעים שנה ואם בגבורות שמונים שנה', און מיר ווילן געבן דעם באשעפער 'עצות' ווי אזוי צו פאררעכטן די וועלט... נאר דער 'בעל הבית', וואס פאר איהם איז עס א 'דירת קבע', פארשטייט פונקטליך אלעס וואס פעלט אויס פאר'ן הויז. ער האט שוין זיינע אורזאכן און טעמים פארוואס די שאנק געפינט זיך דא, און נישט דארט...

**ד.** מיר האבן געהערט פון א חכם, א רמז אויף די ווערטער וואס מיר זאגן ביי תפילת מעריב: אשר בדברו מעריב ערבים. 'מעריב' קען אויך באדייטן זיס (פון לשון 'ערב'). זאגן מיר: 'אשר בדברו', א איד וואס גלייבט אז שהכל נהיה 'בדברו' - אלעס ווערט געטוהן אויפ'ן ווארט פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. 'מעריב' - מאכט ער זיך, 'ערבים' - אלע 'טונקעלע' מצבים... עס איז איהם לייכטער עס איבערצוטראגן.

**ה.** דער 'חפץ חיים' זי"ע האט אמאל געפרעגט זיין תלמיד, הגאון רבי שמעון שוואב זצ"ל, אויב ער איז א כהן. האט רבי שמעון געענטפערט, אז ניין. האט דער 'חפץ חיים' איהם ווידער געפרעגט, אויב ער איז א לוי, און אויך אויף דעם האט ער געענטפערט אז ניין. ער איז א 'ישראל'. האט דער 'חפץ חיים' איהם געזאגט: 'א שאד, עס טוט מיר ווי דאס הארץ וועגן דיר. אט-אט וועט אנקומען משיח צדקינו אונז אויסצולייזן, און ער וועט אויפבויען דעם בית המקדש במהרה בימינו, און דו וועסט נישט זוכה זיין צו טוהן די עבודה אין בית המקדש. און נישט נאר דאס, נאר עס וועלן זיין פלעצער וואו דו קענסט נישט קענען אריינקומען'. דאן האט דער 'חפץ חיים' פארגעזעצט:

- פארוואס ביזטו נישט א כהן? ווייל דיין טאטע איז נישט געווען א כהן. פארוואס איז דיין טאטע נישט געווען א כהן, ווייל זיין פאטער איז אויך נישט געווען א כהן, און אזוי העכער און העכער. דאקעגן, פארוואס בין איך יא פונעם שבט פון די כהנים, ווייל מיין טאטע איז געווען א כהן. מיין טאטע איז געווען א כהן, ווייל זיין טאטע איז געווען א כהן, און אזוי העכער און העכער. וואס איז טאקע דער חילוק צווישן מיינע זיידעס, און דיינע זיידעס? דער חילוק איז, ווייל ווען משה רבינו ע"ה האט אויסגערופן (נאכ'ן חטא העגל) 'מי לה' אלי' (פרשתינו לב, כו), איז מיין טאטע צוגעשפרינגען און האט זיך צוגעשטעלט צו משה רבינו ע"ה, אבער דיין זיידע איז

געבליבן שטיין אין אַ זייט און ער האָט זיך נישט צוגעשטעלט צו משה. צוליב דעם האָט מיין זיידע זוכה געווען אַז ער און זיינע קינדער און אייניקלעך עד סוף כל הדורות, זאָלן זוכה זיין צו דינען דעם אויבערשטען אַלס כהנים און טוהן די עבודה, אָבער דיין זיידע האָט שאָדן געהאַט פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער און אייניקלעך נאָך איהם דעם גרויסן זכות צו קענען ווערן געהייליגט בקדושתו של אהרן.

דער 'חפץ חיים' האָט אויסגעפירט, צו זיין תלמיד רבי שמעון שוואַב:

- פון דעם קענסטו זיך אַראָפּלערנען, אַז יעדעס מאָל ווען דו וועסט הערן אויסרופן אַ קול 'מי לה' אלי', זאָלסטו לויפן צו זיין פון די וואָס זענען זיך מצרף צו אַ מצוה...

לדידן ייאמר, ווען עס קומט אונטער פאַר דעם מענטש אַ נסיון, זאָל ער וויסן און זיך מתבונן זיין, אַז אויב ער וועט זיך האַלטן פעסט קעגן דעם יצר הרע, וועט ער דורך דעם זוכה זיין צו טובה און ברכה אָן אַ סוף, פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער לדורות עולם, אָבער אויב ער פאָלגט דעם יצר, קען ער ברענגען אַ שאָדן פאַר זיך און פאַר אַלע דורות נאָך זיך ח"ו, 'יש קונה עולמו בשעה אחת'.

אויך דאָס לערנען מיר פון דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לא, ב) 'ראה קראתי בשם בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה'. זאָגן חז"ל (שמות רבה פמ"ח, א) אַז ווען די אידן האָבן געוואָלט מאַכן דעם עגל, האָט חור געהאַט מסירות נפש און ער האָט זיי נישט געלאָזט דינען די עבודה זרה, און זיי האָבן איהם גע'הרג'עט. האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו חור: 'איך שווער ביי דיין לעבן אַז איך וועל דיר באַצאָלן וכו', אַלע קינדער וואָס וועלן אַרויסקומען פון דיר, וועל איך זיי דערהייבן און זיי געבן אַ גוטן נאָמען אויף דער וועלט'. זעהען מיר אַז די מסירות נפש פון חור איז בייגעשטאַנען פאַר זיין אייניקל ער זאָל זיין דער וואָס וועט בויען דעם משכן, און זוכה זיין צו אַלע הויכע מדריגות וואָס איז געווען אָנגעשלאָסן אין דעם.

אויך געפינען מיר אין די ווערטער פון חז"ל (שמו"ר פ"מ, א) אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט, אויב דו האָסט זיך אָפּגעווענדט פון שלעכטן, וועל איך אויפשטעלן פון דיר מענטשן וואָס פאַרשטייען די תורה וכו'. מרים, דורך דעם וואָס זי האָט זיך אָפּגעטוהן פון שלעכטן און פון אַן עבירה, האָט דער אויבערשטער אויפגעשטעלט פון איר בצלאל (וואָס איז ער געווען אַן אייניקל פון חור, דער זון פון מרים), און ער האָט זוכה געווען צו חכמה און פאַרשטאַנד. נו, ווער וויל דען נישט זוכה זיין צו קינדער און אייניקלעך חכמים און נבונים, יראי אלוקים, אנשי אמת, וואָס זענען דבוק אין דעם אויבערשטען...

**ו.** מורא'דיגע ווערטער, געפינען מיר אין ספר 'מושב זקנים' פון די בעלי התוספות, אין דער היינטיגער פרשה (לב, יט), ער פרעגט, פאַרוואָס האָט משה רבינו ע"ה צובראָכן די לוחות? און כאָטש אַפילו אַז די אידן זענען נישט געווען ראוי מקבל צו זיין די תורה ווייל זיי האָבן געמאַכט דעם עגל, אָבער פונדעסטוועגן איז שווער, פאַרוואָס האָט ער דאס געטוהן אויף א דרך בזיון, עס צו צעבראכן. ער האָט עס געדאַרפט באַהאַלטן אונטער דעם באַרג בדרך כבוד.

ענטפערט ער אין נאָמען פונעם רי"ח, אַז משה האָט עס צובראָכן ווייל עס איז איהם געווען שווער צו האַלטן, האָט ער עס שנעל אַראָפּגעוואָרפן פון זיינע הענט, כדי אַראָפּצוגיין אין מחנה ישראל און צוריקהאַלטן די אידן פון דעם חטא, ווייל אַזוי לאַנג ווי משה רבינו ע"ה איז נישט אָנגעקומען צו זיי, האָבן זיי געזינדיגט. זאָגט דער רי"ח ז"ל, אַז פון דאָ זעהען מיר, אַז אויב איינער טראָגט אַ ספר תורה און ער זעהט אַז אַנדערע מענטשן ווילן זינדיגן און ער קען נישט גיין זיי צוריקהאַלטן פון די עבירה ווייל ער האַלט אין דער האַנט אַ ספר תורה, זאָל ער ענדערש אַראָפּוואַרפן די ספר תורה פון זיין האַנט, כדי צוריקצוהאַלטן אידישע קינדער פון אַן עבירה, עכ"ל.

זעהען מיר פון דעם אַ מורא'דיגע זאַך, אַז ס'איז געווען כדאי צו צעברעכן די הייליגע לוחות, 'מעשה אלוקים', כדי וואָס שנעלער צו ראַטעווען אידן פון זינדיגן ווייטער ח"ו, און אפילו כדי אָפּצושפּאָרן זיי אַפילו אַ סעקונדע פון אַ חטא. זעהען מיר פון דאָ ווי שרעקליך ס'איז אַן עבירה.

עס ווערט געברענגט אויף דעם אַ נאָך טיפערער געדאַנק. לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס איז שייך אַ לשון פון 'צעברעכן' ביי די לוחות, וואָס זענען געווען אַ רוחניות'דיגע זאַך? נאָר פון דעם לערנען מיר דעם גרויסן פגם וואָס שאַפט זיך אַלס רעזולטאַט פון אַן עבירה. עס איז נישט דאָ אויף דער וועלט אַ זאַך וואָס קען צעברעכן אַ 'מעשה אלוקים' ווי די לוחות, נאָר אַן עבירה... ווי דער פסוק זאָגט (דברים ט, יז) 'ואשברם לעיניכם', איך האָב צובראָכן די לוחות פאַר אייערע אויגן, כדי איר זאָלט זעהן און זיך מתבונן זיין אין דעם וואָס פאַר אַ שרעקליכן אַקט איר האָט געטוהן.

**זאָגט** דער 'אורח לחיים' (פרשתינו, ד"ה 'זה'), די ווערטער פון חז"ל זענען דאָך געזאָגט געוואָרן צו יעדן איד, אין וועלכן מצב ער געפינט זיך נאָר, סיי דער גרעסטער צדיק, און סיי דער גרעסטער רשע'[ז]. אויך איינער וואָס איז אַ צדיק גמור, דאַרף זיך אַליין זעהן ווי אַ 'מחצה חייב', און ווי אַ בינוני', און אויך איינער וואָס האָט ליידער אַסאַך געזינדיגט, דאַרף זיך נאָך אַלץ באַטראַכטן ווי אַ 'האַלבער זכאי', ווי די משנה זאָגט (אבות פ"ב מי"ג) 'ואל תהי רשע בפני עצמך', כדי ער זאָל זיך נישט מייאש זיין פון קיום המצוות און מעשים טובים[ח]. אויך ער דאַרף זיך באַטראַכטן ווי אַ 'בינוני'.

קומט אויס, אַז אויב דער מענטש וועט גדענקען בשעת ער איז מקיים די מצוה, אַז ער און די גאַנצע וועלט זענען אָנגעהאָנגען אויף דער דאָזיגער מצוה וואָס ער איז יעצט מקיים. וועט זיך אין אים אָנצידען אַ פייער דקדושה, און ער וועט טוהן די מצוה מיט גרויס דביקות און התלהבות, וויסענדיג אַז די גאַנצע וועלט איז יעצט אָנגעוואנדן אין אים. און אַזוי וועט ער אויך אַנטלויפן פון די עבירה.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק, אַז מ'דאַרף ברענגען אַ 'מחצית השקל בשקל הקודש'. דאָס הייסט, דער

---

אויף דעם זאָגט דער פסוק ביים סוף פון דער תורה, 'ולכל היד החזקה וגו' אשר עשה משה לעיני כל ישראל', וואָס חז"ל דרש'ענען דעם פסוק, אויף דעם וואָס משה האָט צובראָכן די לוחות. דאס איז דער לעצטער לימוד וואָס די תורה וויל לערנען פאַר אַלע אידישע דורות, מ'זאָל זעהן און גדענקען ווי האַרב ס'איז ווען מ'זינדיגט ח"ו קעגן דעם באַשעפער.

**ז.** אַזוי טייטשט דער הייליגער קאָזשניצער מגיד זי"ע, אין 'עבודת ישראל', דעם פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה (ל, טו) 'העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט'. דאָס הייסט, דער וואָס איז 'רייך' אין מצוות און מעשים טובים, זאָל זיך נישט האַלטן גרויס דערמיט ('לא ירבה'). און דאַקעגן, 'והדל', דער מענטש וואָס איז אָרים אין תורה און מעשים טובים, 'לא ימעיט' - זאָל ער זיך נישט האַלטן ווי אַ רשע ח"ו, נאָר ער זאָל זיך זעהן ווי אַ 'בינוני'.

**ח.** ענליכע ווערט געברענגט אין ספר 'תורת אבות' (ד"ה 'העשיר') אויפ'ן פסוק 'והדל לא ימעיט', ער זאָל נישט זאָגן 'לא' (ניין) וועגן זיך, ווען ער קוקט אויף זיינע חסרונות, נאָר אדרבה, ער זאָל זיך שטאַרקן און האָפען צו דעם אויבערשטען ברוך הוא אַז ער וועט איהם העלפן נאָך מער זיך צוריקצוכאַפּן פון אַלע דורכפעלער.

אַזוי הייבן מיר אָן די היינטיגע סדרה (ל, ב) מיט'ן פסוק 'כי תשא את ראש בני ישראל לפקודיהם, ונתנו איש כופר נפשו לה' בפקוד אותם, ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם'. לכאורה איז שווער, אויב דאָס ציילן קען ברענגען אַ סכנה ח"ו אויף אַזוי ווייט אַז מ'דאַרף ברענגען אַ תרומה, אַ 'מחצית השקל', פאַרוואָס האָט מען בכלל געדאַרפט ציילן די אידן? עס וואָלט דאָך געוועהן פיל בעסער מ'זאָל זיי נישט ציילן, און ממילא, וועלן זיי נישט דאַרפן האָבן אַ כופר נפש? נאָר דאָס ציילן איז געווען נאָך דעם ווי זיי האָבן געמאַכט דעם עגל (ווי רש"י זאָגט אין פסוק טז), און דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה, 'כי תשא את ראש בני ישראל' דו דאַרפסט אויפהייבן זייערע קעפּ, אַז זיי זאָלן נישט אַרומגיין מיט 'אַראָפּגעלאָזטע נאָז' נאָכ'ן חטא... נאָר זיי זאָלן וויסן אַז זיי זענען נאָך אַלץ באַליבט ביי מיר, איך צייל יעדן איינעם פון זיי, ווייל יעדער איד איז טייער אין מיינע אויגן, כביכול, איך 'דאַרף איהם האָבן', און איך בין נישט מוותר אויף קיין איין אידיש נפש...

אַ מורא'דיג וואָרט, זאָגט דער 'אורח לחיים' אין דער היינטיגער פרשה (ד"ה 'וראית') אויף די ווערטער פון חז"ל (ברכות ז.) אויף דעם פסוק 'וראית את אחורי', האָט רבי שמעון חסידא געזאָגט, דער פסוק לערנט אונז, אַז דער אויבערשטער האָט געוויזן פאַר משה רבינו ע"ה דעם קשר פון תפילין. זאָגט דאָרט רש"י, אַז די גמרא זאָגט (אַ בלאַט פריער), אַז דער אויבערשטער לייגט תפילין. איז שווער, וואָס פאַר אַ נוצן האָט עס געהאַט צו ווייזן פאַר משה דעם קשר פון די תפילין.

ענטפערט דער 'אורח לחיים', ווייל חז"ל זאָגן דאָרט אַז אין די פרשיות פון דעם אויבערשטען'ס תפילין, שטייט געשריבן די לויב פון אידישע קינדער, ווי "ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ'. אויף דעם האָט דער אויבערשטער געוויזן פאַר משה רבינו ע"ה דעם קשר פון די תפילין וואָס איז געווען 'פון אונטן' ('אחורי'), צו ווייזן פאַר משה, אַז אויך דעמאָלס ווען די אידן טוהען נישט דעם רצון פון באַשעפער, זיי זענען אין דער בחינה פון 'אחור', זענען זיי נאָך אַלץ באַליבט ביי דעם אויבערשטען, און ער איז 'צוגעבונדן' צו זיי, מיט אַ 'קשר' עליון...

מענטש זאָל זיך אַליין שטענדיג וועגן ווי ער איז אַ 'מחצית' - אַ האַלבער זכאי, און אַ האַלבער חייב. 'זה יתנו כל העובר על הפקודים', אַפילו אויב ער האָט חלילה עובר געווען אויף די 'פקודים', די געזעצן פון די תורה, זאָל ער נאָך אַלץ זיין אין זיינע אויגן ווי אַ 'מחצית' אַ האַלבער זכאי, מיט'ן זעלבן 'משקל הקודש'. און דער פסוק פירט אויס: 'תרומה לה'', אויב דער מענטש וועט אַזוי טוהן, וועט ער זיך אויפהייבן צו דעם אויבערשטען מיט גרויס התלהבות.

**דער** הייליגער רבי פון לובלין זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין ספה"ק 'תפילה למשה', אָנהייב פרשת ויקהל) אַז דער עיקר פון חטא העגל איז געווען דאָס וואָס זיי האָבן געטרויערט נאָכ'ן חטא, ווי דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (לג, ד) 'ויתאבלו ולא שתו איש עדיו עליו'. זיי האָבן נישט געטראַכט אַז זיי האָבן נאָך אַלץ אַ הייליגע נשמה, אַ 'חלק אלוקי ממעל', און אַז 'מאי דהוה הוה' - וואָס ס'איז געווען, איז געווען, און מ'קען פון יעצט און ווייטער תשובה טוהן צום אויבערשטען[ט], ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט'.

**מורא'דיגע** ווערטער שטייט אין ספה"ק 'דברי שמואל', אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (לד, ז) 'ונקה לא ינקה'. דער אויבערשטער 'רייניגט' דעם איד וואָס קען זיך שוין אַליין נישט רייניגן, אָבער זיין האַרץ פלאַקערט צו ווערן צוריק נאָנט צו דעם אויבערשטען און זיין עבודה, נאָר דער יצר הרע שטרויכלט איהם כסדר פונדאַסניי, ביז ער קען זיך נישט רירן פון זיין אָרט. אַזאַ איינעם, רייניגט דער אויבערשטער פון אַלע זיינע פגמים, עכ"ל.

**אַזוי** שטייט אויך אין ספה"ק 'בית אהרן' (פרשתינו, ד"ה 'ויתן') אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לא,

---

**ט.** אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ל, כג) 'ואתה קח לך בשמים ראש מר דרור וגו'', זאָגט די גמרא (חולין קלט:) מרדכי מן התורה מנין, דכתיב 'מר דרור', ומתרגמינן 'מירא דכיא'. ווייטער זאָגט דאָרט די גמרא, וואו געפינען מיר אַ רמז אויף משה אין דער תורה? אין דעם פסוק 'בשגם הוא בשר' (בראשית ו ג), [וואָס רש"י טייטשט דאָרט, בשג"ם באַטרעפט אַזוי פיל ווי מש"ה, און דער פסוק זאָגט דאָרט 'והיו ימיו מאה ועשרים שנה', און אַזוי פיל יאָרן האָט משה טאַקע געלעבט - 120 יאָר). ווייטער פרעגט די גמרא: וואו איז מרומז המן אין דער תורה? און די גמרא ענטפערט, אין פסוק (בראשית ג, יא) 'המן העץ'. אסתר איז מרומז אין דער תורה, אין דעם פסוק (דברים לא, יח) 'ואנכי הסתר אסתיר', ע"כ.

זאָגן די ספרים, אַז אין דער דאָזיגער גמרא, איז מרומז דער חילוק פון ערליכע אידן, און - להבדיל - די רשעים. אַן ערליכער איד קוקט קיינמאָל נישט אויף דעם עבר, וואָס איז נישט געווען גוט (אויסער אין אַ צייט פון אַ 'חשבון הנפש'), און דעריבער, איז אַלע דערמאנטע פסוקים וואָס זענען מרמז אויף די צדיקים, ווי משה רבינו ע"ה, מרדכי הצדיק, און אסתר המלכה, רעדן וועגן דעם 'עתיד'. צום ביישפיל, דער פסוק וואָס איז מרמז אויף מרדכי: 'ואתה קח לך בשמים ראש', איז אַ ציווי צו 'טוהן' פון דאַ און ווייטער. דער פסוק פון משה, 'והיו ימיו מאה ועשרים שנה', רעדט אויך וועגן אַ זאַך וואָס וועט געשעהן שפּעטער. אויך אויך דער פסוק וואָס איז מרמז אויף אסתר: 'ואנכי הסתר אסתיר', רעדט וועגן דעם עתיד. ווייל דאָס איז דער וועג פון אַן ערליכן איד, צו קוקן אויף דעם 'עתיד', און דורך דעם פּרובירן זיך באַנייען און מחזק זיין מיט'ן אויבערשטען. דאַקעגן, המן הרשע איז מרומז אין אַ פסוק וואָס רעדט וועגן דעם 'עבר': 'המן העץ אשר צויתיך לבלתי אכל ממנו אכלת', ווייל אָט דאָס איז המן'ס רצון, אַז מ'זאָל קוקן אויפ'ן עבר, און ווערן צובראָכן ביי זיך, און ממילא וועט מען חלילה ווייטער זינקען אין עבירות רח"ל.

**י.** דער מדרש זאָגט (שמו"ר פמ"ג, א) אַ טעם פאַרוואָס משה רבינו ע"ה האָט צובראָכן די לוחות, ווייל ווען די אידן האָבן מקבל געווען די תורה זענען זיי געוואָרן אין דער בחינה פון אַן 'אשת איש', און דערפאַר האָט משה צובראָכן די לוחות, כדי לייכטער צו מאַכן די שטראָף פאַר'ן חטא העגל, דורך דעם וואָס זיי וועלן פאַרלירן דעם סטאַטוס פון 'אשת איש' (ווייל זיי האָבן דאָך שוין מער נישט די לוחות), און וועלן באַקומען דעם דין פון אַ 'פנויה', וואָס איר עונש איז פיל לייכטער אויב זי זינדיגט ח"ו. זאָגט דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע (תשא תרע"ז, ד"ה 'ראה'), אַז די טיפע כוונה פון משה רבינו ע"ה איז געווען, צו לערנען די אידן אַז זיי קענען זיך שטענדיג באַנייען, אַזוי ווי אַ 'פנויה', וואָס האָט נאָך נישט חתונה געהאַט...

יח) 'ויתן אל משה ככלותו לדבר אתו'. וואָס דער פּשוט'ער טייטש פון וואָרט 'ככלותו' איז, ווען ער האָט געענדיגט רעדן מיט משה. לכאורה איז שווער, ווי אַזוי איז שייך ביי תורה אַז מ'האָט 'געענדיגט רעדן'?

**זאָגט** דער בית אהרן': 'ככלותו' איז פון לשון גליסטן, ('כלתה נפשי'). איז דער פּסוק מרמז, 'ויתן אל משה ככלותו' - דער אויבערשטער גיט פאַר אַ איד הייליגע השפּעות לויט וויפיל ער גליסט צו איהם... 'וכך המידה נוהגת תמיד' - און אַזוי פירט זיך דער אויבערשטער שטענדיג, עכל"ק.

**דאָס** הייסט, אַלעס ווענדעט זיך אין דער תשוקה פון אַ מענטש. אויב ער איז משתוקק און ער וויל זיין גוט, ווערט איהם גערעכנט אַזוי ווי ער איז שוין גוט. עס ווענדעט זיך אינגאַנצן נישט אין זיין מצב, אפילו אויב ער איז חלילה געוואָרן נכשל און איז געפאַלן פון זיין מדריגה.

### לעשות את השבת - אַלעס לויט די הכנה צום שבת

**אין** דער היינטיגער פּרשה (לא, יג) לייענען מיר וועגן שמירת שבת: 'אך את שבתותי תשמורו'[יא].

**אויפ'ן** פּסוק "אך" את הזהב' וגו', זאָגן חז"ל (ספרי במדבר לא, כב) אַז מ'דאַרף אַראָפּנעמען דעם פאַרזשאַווערטן טייל פונעם גאָלד. זאָגט דער 'שפת (כי תשא תרל"ב, ד"ה, 'אך', ועוד), אַז דאָס איז מרומז אין דעם וואָרט 'אך' את שבתותי תשמורו, מ'זאָל אַראָפּנעמען

---

**יא.** דער דובנער מגיד זצ"ל זאָגט אויף דעם פּסוק 'אך את שבתותי תשמורו', אַ משל, כדרכו: אַ רייכער מענטש האָט באַשטעלט ביי אַ שניידער, עטליכע טייערע שיינע קליידער, פאַר זיין יונגען זון. ווען ער איז געקומען אָפּנעמען די מלבושים, האָט דער שניידער זיך אַנטשולדיגט אַז ער האָט נאָך נישט באַוויזן צוצונייען דעם אויבערשטען ראָק, נאָר דאָס וועסטל און די הויזן, און ער האָט איהם צוגעזאָגט וואָס פריער צוצונעדיגן דאָס רעקל. דער עושר האָט בלית ברירה מסכים געווען צו וואַרטן, און אָפּנעמען אַלעס צוזאַמען, ווען אויך דאָס רעקל וועט זיין פאַרטיג. דאָס קינד האָט אָבער נישט געוואָלט וואַרטן, און האָט פאַרלאַנגט פון זיין פאָטער, ער זאָל איהם געבן אָנצוטוהן די אַנדערע נייע מלבושים, וואָס זענען שוין געווען פאַרטיג. צוליב זיין רחמנות אויפ'ן קינד, האָט דער פאָטער מסכים געווען, און דאָס קינד האָט אָנגעטוהן די מלבושים מיט גרויס שמחה.

למעשה, אָבער, ווען דאָס יונגל האָט זיך געשפּילט מיט די אַנדערע קינדער אין הויף, האָט ער - ווי ס'איז דער שטייגער פון קינדער - נישט אַכטונג געגעבן אַז די קליידער זאָלן נישט ווערן פאַרשמירט מיט מאראַסט און ליים, פון קאָפּ ביז פיס... ווען דער טאַטע האָט דאָס געזעהן, איז ער געווען צופרידן אַז ער האָט נאָך נישט באַקומען דאָס רעקל, ווייל אַזוי איז עס כאָטש נישט געוואָרן פאַרשמירט אינעם ליים. ווען דאָס רעקל איז ענדליך געווען פאַרטיג און מ'האָט עס אָפּגענומען פונעם שניידער, האָט דער טאַטע אָנגעוואָרנט זיין קינד, ער זאָל זעהן נישט צו זיך שפּילן מיט די אַנדערע קינדער, כדי נישט צו פאַרשמירן אויך דאָס רעקל.

דער נמשלאיז, דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט אין די ששת ימי המעשה, און דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן פרייטאָג, דער זעקסטער טאָג פון די בריאה. נאָך אין זעלבן טאָג זענען אדם און חוה נכשל געוואָרן און האָבן געגעסן פונעם עץ הדעת, וואָס האָט אַריינגעברענגט אַ שרעקליכן פגם אין דער גאַנצער בריאה. דער דאָזיגער פגם האָט אָבער געשאַדט נאָר פאַר די זעקס טעג פון דער וואָך, אָבער דער טאָג פון שבת איז געבליבן הייליג און גאַנץ, אָן אַ פלעק. אויף דעם זאָגט דער פּסוק: 'אך את שבתותי תשמורו' - נאָר די שבתים זענען אייך איבערגעבליבן אָן אַ פלעק. ממילא, דאַרף דער מענטש זעהן זיי זאָלן בלייבן אומבאַפלעקט, נאָר ריין און ציכטיג. מ'זאָל זיי נישט פאַרשמירן מיט די פגמים פון עבירות ח"ו, נאָר מ'זאָל דעמאָלס עוסק זיין אין מצוות און מעשים טובים, און אָפּהיטן די גוטע מתנה וואָס מ'האָט באַקומען פון דעם אויבערשטען, מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.

דער 'שפת אמת' גיט צו, אַז אויך נאָך דעם ווי די אידן האָבן געמאַכט דעם עגל, איז דער שבת געבליבן גאַנץ מיט זיין קדושה אַזוי ווי פריער. דער שבת'דיגער טאָג איז נישט נפגם געוואָרן דורך דעם חטא, ווייל מיר זעהען דאָך אין דער היינטיגער סדרה, אַז נאָך דעם חטא העגל האָט דער אויבערשטער געהייסן פאַר משה רבינו ע"ה אַז ער זאָל זאָגן פאַר די אידן, זיי זאָלן אַראָפּנעמען די קרוינען פון זייערע קעפּ. 'ועתה הורד עדיך מעליך' (לג, ה). די אידן האָבן טאַקע אַזוי געטוהן, ווי דער פּסוק זאָגט ווייטער, 'ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב'.

פון הארץ דאס וואס איז 'פאַרשאַוועט' אין הארץ[ב]. ממילא מ'זאל מאכן די ריכטיגע הכנות אין לויף פון די זעקס טעג פון דער וואך, מיט א רוחניות'דיגע הכנה און טהרת הנפש, אין צוגרייטונג צו דעם שבת[ג]. וועט די קדושה פון שבת זיך אויסשפרייטן אין אלע זאכן וואס מ'טוט, אויך אין די וואכן-טעג.

---

און זאגט רש"י, דאס זענען די קרוינען וואס מ'האט געגעבן פאר די אידן ביים בארג סיני, ווען זיי האבן געזאגט 'נעשה ונשמע'.

ס'איז אבער באקאנט וואס דער אריז"ל האט געזאגט, אז יעדן שבת טוט משה רבינו ע"ה צוריקגעבן די קרוינען פאר די אידן. קומט אויס, אז יעדן שבת, זענען אידן נאך אין דער זעלבער מדריגה ווי פאר דעם חטא העגל, און וועגן דעם איז שבת 'מעין עולם הבא' (עי' ברכות נז:) ווייל נאך דעם ווי די אידן האבן מקבל געווען די תורה ביי די ערשטע לוחות, זענען זיי געווארן פריי פון דעם יצר הרע, און אין דער בחינה פון עולם הבא, נאר שפעטער האבן זיי געזינדיגט און די לוחות זענען צובראכן געווארן, און זיי זענען געפאלן פון זייער מדריגה, און שבת ווערן מיר צוריק דערהויבן אזוי ווי פריער.

פון דעם אלעם לערנען מיר די גרויסע התעלות צו וועלכע אידישע קינדער קומען-צו יעדן שבת, ווען מ'קען זיך איינגאנצן הייליגן און זיך אפרייסן פון דעם יצר הרע.

**יב.** הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האט נאכגעזאגט (ליקוטי הרי"ם, קדושת שבת) אין נאמען פון הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע, א איד איז דאך בעצם איינגאנצן גוט. ס'איז נישט שייך א מציאות פון 'שלעכטס' ח"ו ביי א איד. דאס וואס מ'געפינט אמאל שלעכט ביי איד, איז עס נאר פון דעם חלק פונעם גוי וואס געפינט זיך אינעם איד.

לויט דעם, האט דער 'חידושי הרי"ם' געזאגט, חז"ל זאגן דאך אז א גוי וואס היט שבת איז חייב מיתה (סנהדרין נח:). ממילא קומט אויס, אז יעדער איד דארף ערב שבת קודש אויסרייסן פון זיך דעם 'גוי'אישן' חלק, זיך 'מגייר זיין', כדי ער זאל נישט זיין אין כלל פון א 'גוי ששבת'...

**יג.** דער 'ליקוטים חדשים' פרעגט אויף די פסוקים אין דער היינטיגער פרשה (לא, טו-טז) 'ששת ימים תיעשה מלאכה וגו' לעשות את השבת'. מיר זעהען דא אז לגבי טוהן די ארבעט אין די וואכן-טעג, כאפט ער אן א לשון 'יעשה', פון לשון 'התפעל', וואס איז משמע, עס זאל געטוהן ווערן דורך אנדערע מענטשן. אבער ווען דער פסוק רעדט וועגן שבת, זאגט ער 'לעשות', ווי איינער וואס טוט עפעס מיט זיינע אייגענע הענט. לכאורה, וואלט ער געדארפט זאגן פארקערט, ווייל אין די וואכן-טעג טוט דאך דער מענטש אליין די ארבעט, אבער שבת איז א בחינה פון 'שב ואל תעשה'.

איז דער תירוץ, אז באמת קומט דאך נישט די פרנסה פאר דעם מענטש אלס א תוצאה פון דער ארבעט וואס ער טוט מיט זיינע הענט, נאר עס 'ווערט געטוהן' נאר דורך דעם אויבערשטען. דאקעגן שבת איז 'בידי אדם', ווי חז"ל זאגן (ע"ז ג.) 'מי שטרח בערב שבת, יאכל בשבת'. לויט ווי דער מענטש מאכט א הכנה אין די וואכן-טעג, איז ער זוכה צו שפירן די קדושה פון שבת. וועגן דעם שטייט ביי שבת, דאסווארט 'לעשות'.

אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע פלעגט זאגן, אויף איין ארט זאגט די גמרא (ביצה טז.) אז דער טאג פון שבת איז געגעבן געווארן אלס א מתנה פון דעם אויבערשטען פאר די אידן, און אויף א צווייטן ארט (ע"ז ג.) זאגן חז"ל, 'מי שטרח בערב שבת, יאכל בשבת'. אויב דער טאג פון שבת איז א 'מתנה', פארוואס דארף מען אזוי שווער זיך באמיהען עס צו באקומען.

"הוא מותיב לה, והוא מפרק לה". אא"ז הרה"ק מלעלוב האט געענטפערט, מיט א מעשה, א דארפסמאן האט אמאל געפרעגט דעם הייליגן בעל 'באר מים חיים' זי"ע, ער זאל איהם אויסזאגן דעם סוד ווי אזוי מ'קען משיג זיין דביקות און א השגה אין שבת קודש, אזוי ווי ער, דער 'באר מים חיים' איז זוכה משיג צו זיין [ווי באקאנט, איז דער 'באר מים חיים' געווען זייער אדוק און דבוק אין שבת. עס איז אויך מקובל אז זיין קערפער איז אין שבת, געווען מיט א קאפ העכער ווי אין די וואכן-טעג]. האט דער 'באר מים חיים' איהם געענטפערט מיט פארוואנדערונג: דער אור פון שבת איז דאך אזוי ווי די לעכטיגקייט פון די זון. דער מענטש וואס ווארימט זיך נישט אן צו איר לעכטיגקייט, איז עס א סימן אז זיינע אויגן זענען 'פארקלעבט' מיט א דיקן שאלעכטס...

האט אא"ז געזאגט, אוודאי איז דער שבת געגעבן געווארן אלס א 'מתנה' פאר די אידן, אבער כדי בטל צו מאכן די וואס האלטן צוריק אז מ'זאל נישט קענען שפירן דעם גרויסן אור וואס שיינט אין שבת, דארף מען

**דער** 'שפת אמת' שמועס אויס, אז די ריכטיגע הכנה באַשטייט אין דעם וואָס דער מענטש האָט אַ רצון און אַ השתוקקות צום שבת אין די וואָכן-טעג, און אַלעס וואָס דער מענטש טוט, דאַרף זיין נאָר פאַר דעם צורך פון שבת, כדי צו מאַכן אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען.

**דער** נצי"ב זצ"ל אין 'העמק דבר' שרייבט אז דער הכנה צום שבת איז מצות עשה מן התורה. זאגט דער נצי"ב: עס זענען דאָ אויסערליכע זאַכן וואָס זענען גורם אַ התעוררות פון קדושה, ווי צום ביישפיל, דאָס זיך אויפהאַלטן אין בית המקדש אָדער אין שול, א.ד.ג. שבת קען דער מענטש אָבער משיג זיין קדושה פאַר זיין נפש, אויך אָן אַ דרויסנדיגן געפיל, ווייל דער עצם טאָג פון שבת איז מעורר די קדושה, און אויף דעם זאָגט דער פסוק 'אות הוא לעולם', אַז דער אויבערשטער אַליין כביכול העלפט דעם מענטש וואָס וויל זיך קומען היילגן.

**און** אויף דעם זאָגט דער פסוק: 'לדעת כי אני ה' מקדישכם' - ס'איז אַ מצוה דאָס צו וויסן און זיך צוגרייטן דערצו, ווייל אָן דעם קען מען נישט שפירן אַ קדושה. לויט דעם קומט אויס, אַז דער מענטש וואָס מאַכט די געהעריגע הכנה, איז מקיים אַ מצות עשה, עכ"ל.

**דער** 'חיי אדם' זצ"ל שרייבט אין זיין ספר 'זכרו תורת משה' (סי' א, אות ב'), דער מענטש קען זיך מתבונן זיין און אויספרובן, ווען ער וועט צוגרייטן זיין דעת און ער וועט באמת האָבן יראת שמים אין האַרץ, און זיינע מעשים וועלן זיין באַווייליגט, איז זיכער אַז נאָך דעם ווי ער האָט זיך גע'טובל'ט ערב שבת מיט אַן ערליכע כוונה מקבל צו זיין די קדושה פון שבת, וועט ער אַליין פאַרשטיין אַז מ'האָט איהם צוגעגעבן אַ 'נשמה יתירה', ווייל ער וועט שפירן אין זיין נפש די יראת הרוממות, וואָס וועט אויף איהם קומען ביז עס וועט אין איהם פלאַקערן אהבת און יראת ה'. דאָס איז בדוק ומנוסה פון אַסאַך מענטשן אַסאַך מאָל, אָן קיין שום ספק. אָבער ווען די נשמה פון אַ מענטש איז נישט ריין, שפירט ער נישט די קדושה פון שבת.

### ונתנו - טוהן צדקה וחסד און באַקומען דערפאַר לפנים משורת הדין

**כי** תשא את ראש בני ישראל לפקודיהם ונתנו וגו' (ל, יב). זאָגט דער הייליגער 'תולדות יעקב יוסף' זי"ע (פרשתינו, אות א), ווייל רש"י טייטשט דאָס וואָרט 'כי תשא', אַז עס איז אַ לשון פון קבלה - אָננעמען. זאָגט דער 'תולדות' על דרך מוסר, 'כי תשא את ראש' - אויב דו ווילסט באַקומען גוטע השפעות פון הימל, איז די עצה דערפאַר: 'ונתנו'[יד] - דו זאָלסט געבן צדקה

---

פריער זיך באַמיהען, מיט מאַכן די הכנה ערב שבת. לויט די הכנה און טירחא וואָס מ'האָט פאַר שבת, קען מען זוכה זיין צום שבת. אויף דעם זאָגט די גמרא: 'מי שטרח בערב שבת, יאכל בשבת'.

פאַרצייטישע חסידים פלעגן זאָגן בדרך צחות, מי שטרח בערב שבת, יאכל בשבת, אָבער דער וואָס איז אַ 'תרח' ערב שבת, איז אַ 'יאָקל' אין שבת... דאָס הייסט, איינער וואָס איז פויל זיך צוצוגרייטן ערב שבת זיין נשמה און זיין נפש צום הייליגן שבת, איז ער דאָך ווי אַ 'תרח'... אַזאַ איינער וועט אויך שבת נישט זוכה זיין צו געניסן פון דער לעכטיגקייט פון שבת, ווייל ער איז סתם אַ 'בטלן'...

**יד.** עס איז באַקאַנט וואָס עס שרייבט דער 'בעל הטורים', 'ונתנו' אם מ'לייענט דאָס וואָרט ('ונתנו') צוריקוועגס, האָט עס אויך די זעלבע אותיות, 'ונתנו'. דאָס לערנט אונז, 'כל מה שאדם נותן לצדקה, יחזור אליו ולא יחסר לו בשביל זה כלום' - אַלעס וואָס אַ מענטש גיט פאַר צדקה, קומט צוריק צו איהם און עס וועט איהם גאָרנישט פעלן צוליב דעם וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן פון זיך פאַר אַ צווייטן.

דער שינאָווער רב זי"ע ברענגט ('דברי יחזקאל', פרשתינו, ד"ה 'כי תשא') אַ מעשה, אַז דער הייליגער רבי ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב האָט געבענטשט אַ איד מיט עשירות, און די ברכה איז מקוים געוואָרן, און יענער איז געוואָרן זייער רייך. אַמאָל האָט דער הייליגער ראָפשיצער רב זי"ע געפרעגט דעם רבי'ן ר' מענדעלע, 'היתכן צו געבן אַזאַ גרויס עשירות פאַר איין מענטש?'... האָט דער רבי ר' מענדעלע איהם געענטפערט:

- איך האָב איהם געבענטשט מיט עשירות סתם, נאָר ער איז אַ גרויסער בעל צדקה, און דאָס וואָרט 'ונתנו' ווערט דאָך געלייענט אהין און צוריק, ממילא, וויבאַלד ער טיילט צדקה אָן אַ גרעניץ, גיט מען איהם פון הימל אויך אָן אַ גרעניץ...

פאַר אַנדערע[טו]. אָבער אויב דער וואָס באַקומט די שפע איז נישט משפיע פאַר אַנדערע, טוט מען אויסמיידן די שפע פון איהם.

**אַזוי** טייטשט דער קאָזשניצער מגיד זי"ע, אין 'עבודת ישראל' (ד"ה 'והנותי') דעם פסוק ווייטער אין דער סדרה (לג, יט) 'וחנותי את אשר אחון'. דער אויבערשטער פירט צו אַז עס זאָל איהם אונטערקומען אַן אָרימאַן, כדי ער זאָל זיך דאַרפן פירן מיט איהם מיט די מדה פון חנינה און רחמנות, און אין דעם זכות וואָס דער מענטש פירט זיך מיט די מדה פון חסד און רחמים, גיט איהם דער אויבערשטער פונעם 'אוצר מתנת חנם', וואָס איז אַ גרויסער אוצר, ווי די גמרא דרש'ענט (שבת קנא:) אויפ'ן פסוק (דברים יג, יח) 'ונתן לך רחמים' - דער אויבערשטער וועט דיר געבן די מדה פון רחמנות, און דורך דעם 'ורחמך' - וועט ער רחמנות האָבן אויף דיר.

**לערנען** מיר פון די ווערטער פונעם 'עבודת ישראל', אַז דער מענטש וואָס טוט גוטס מיט זיין חבר, און גיט איהם אַן 'אומזיסטע מתנה', 'לפנים משורת הדין', פירט זיך דער אויבערשטער אויך מיט איהם 'לפנים משורת הדין', און טוט גוטס מיט איהם דאָפּלט, פיל מער ווי עס קומט איהם[טז].

**אַזוי** זאָגט די גמרא (ב"ב י:) רבי אבהו האָט געזאָגט, משה רבינו ע"ה האָט געזאָגט צו דעם אויבערשטען, רבונו של עולם, מיט וואָס וועסטו אויפהייבן דעם 'קרן' פון אידישע קינדער, זיי זאָלן האָבן הצלחה. האָט דער

---

פון די ווערטער פון רבי'ן ר' מענדעלע רימנוב'ער זי"ע, לערנען מיר דאָ אַ גרויסן חידוש צו פאַרשטיין די אויבן-דערמאַנטע ווערטער פונעם 'בעל הטורים', אַז 'כל מה שאדם נותן לצדקה יחזור אליו', אַז די כוונה איז נישט נאָר וועגן דעם סכום געלט אַז עס וועט צוריקקומען צו איהם, נאָר עס וועט נשפע ווערן אויף איהם לויט 'ווי אַזוי' ער האָט געגעבן. דאָס הייסט, אויב ער האָט געגעבן 'אָן אַ גרעניץ', באַקומט ער אויך צוריק אַן עשירות 'אָן אַ גרעניץ' - פילפאַכיג מער ווי דער סכום וואָס ער האט געגעבן...

מיר האָבן שוין מערערע מאָל געשמועסט, אַז דאָס מיינט מען נישט דווקא מ'זאָל געבן צדקה מיט געלט, נאָר אַלעס וואָס אַ מענטש גיט פאַר אַ צווייטן, באַקומט ער צוריק, ווייל דער אויבערשטער וועט זיך פירן מיט איהם 'מדה כנגד מדה', אַזוי ווי ער פירט זיך מיט אַנדערע.

**טו.** דער שינאָווער רב זי"ע אין מוסיף, אין 'דברי יחזקאל' (דאָרט וואו ער ברענגט די אויבן-דערמאַנטע מעשה פון רבי'ן ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב), דער יצר הרע פּרובירט דאָך צורעדן דעם מענטש ער זאָל נישט טיילן צופיל צדקה, ווייל ער האָט אַזוי שווער זיך געפּלאָגט צו מאַכן דאָס געלט, טאָג און נאַכט, ווינטער און זומער, און ממילא, פאַרוואָס זאָל ער אַוועקשענקען פון 'זיינעם', אומזיסט פאַר אַ צווייטן וואָס טוט גאָרנישט... אויף דעם זאָגט דער פסוק ווייטער: 'ונתנו איש כופר נפשו לה'', וויסן זאָלסטו, אַז מיט'ן געבן צדקה, גיסטו אַ 'כופר נפש', און דו טוסט זיך אויסלייזן פון דיינע חטאים, ווי דער פסוק זאָגט (דניאל ד, כד) 'וחטאך בצדקה פרוק'.

**טז.** עס איז באַקאַנט וואָס רש"י זאָגט (בראשית יח, טז, און דער מקור פון רש"י'ס ווערטער איז אין מדרש רבה שמות פמ"א, א) אַז איבעראל וואו עס שטייט אין פסוק אַ לשון 'השקפה' איז עס צום שלעכטן ח"ו, אויסער דער פסוק (דברים כו, טו) 'השקיפה ממעון קדשך', וואָס איז לטובה, ווייל 'גדול כח מתנות עניים שהופך מדת הרוגז לרחמים', צדקה האָט אַ גרויסן כח, אַז עס דרייט איבער מדת הדין צו רחמים.

זאָגט דער הייליגער שינאָווער רב זי"ע, אין ספר 'דברי יחזקאל' (וירא, ד"ה 'וישקיפו') לויט דעם יסוד וואָס דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט געזאָגט, אַז ביי די מצוה פון צדקה, איז נישט דאָ אַ חסרון אין 'שלא לשמה', דאָס הייסט, אפילו אויב מ'גיט צדקה נישט פאַר'ן אויבערשטען'ס וועגן, נאָר מ'האָט אַ פניה דערביי, ווי צום ביישפיל כדי צו באַקומען כבוד א.ד.ג., פעלט גאָרנישט פון די ווערד פון די מצוה, ווייל סוף כל סוף, האָט דער אָרימאַן הנאה פון זיין נתינה.

לויט דעם טייטשט דער שינאָווער רב זי"ע די ווערטער פון חז"ל (ר"ה יד.) אַז אויב איינער גיט אַ פּרוטה פאַר צדקה כדי זיינע קינדער זאָלן לעבן, אָדער כדי ער זאָל האָבן עולם הבא, איז ער אַ 'צדיק גמור'. פרעגט תוספות (שם, ד"ה 'בשביל'), די משנה זאָגט דאָך (אבות פ"א, מ"ג) 'אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס', אויב אַזוי ווי אַזוי זאָגט די גמרא אַז איינער וואָס גיט צדקה צוליב אַ שכר, איז אין גדר פון אַ 'צדיק גמור'? (עיין בתוספות).

ענטפערט דער שינאָווער רב, אַז צדקה איז אַנדערש, ווייל כאָטש ביי אַלע מצוות, אויב מ'האָט אין זינען כדי צו באַקומען שכר דערפאַר נעמט עס אַראָפּ פונעם שלימות פון דער מצוה, אָבער ביי צדקה, אויב אויב מ'טוט עס מיט אַ 'פניה', כדי זיין זון זאָל לעבן, אָדער כדי ער זאָל באַקומען שכר אויף יענער וועלט, איז ער נאָך אַלץ אַ 'צדיק גמור', ווייל דער עיקר ציל און צוועק פון די צדקה צדקה איז דאָך דאָ געטוהן געוואָרן, אַז דער אָרימאַן האָט באַקומען דאָס געלט.

לויט דעם זאָגט דער שינאָווער רב, אַז דאָס איז די כוונה פון "כל השקפה לרעה". אויב מ'זאָל 'נאָכקוקן' און מדקדק זיין נאָך אונזערע מעשים, צו זעהן אויב מיר האָבן געטוהן מצוות ומעשים טובים 'לשמה', אָן 'פניות', און אַפילו אָן אַ פניה 'דקה מן הדקה', קען קיינער נישט זאָגן אַז ער האָט יוצא געווען זיין חיוב. אָבער ביי 'מתנות עניים' - דאָס הייסט, ביי די מצוה פון צדקה, איז אַנדערש, ווייל אויך אויב ער האָט עס נישט מקיים געווען מיט די גאַנצע כוונה לשמה, אָבער סוף כל סוף האָט ער דאָך דערקוויקט דאָס האַרץ פון דעם אָרימאַן, און ממילא, האָט די מצוה פון צדקה אַ גרויסן כח איבערצודרייען מדת הרוגז צו מדת הרחמים.

דער הייליגער בעל התניא זי"ע איז אַמאָל געפאָרן צו זיין רבי'ן דעם גרויסן מגיד פון מעזריטש זי"ע. אויפ'ן וועג, איז ער איינגעשטאַנען אין אַ הערליך הויז, וואָס אַ רייכער מאַן האָט אויפגעשטעלט פאַר אַ 'הכנסת אורחים', צוצושטעלן פאַר די דורכפאָרער אַלע זייערע באַדערפענישן, אכילה, שתיה, לינה אויפ'ן שענסטן און ברייטסטן אופן. עס איז געווען ממש אַ 'מחיה נפשות', אויף אַ זעלטענעם אופן.

דער רייכער באַלעבאָס פון די אכסניא, האָט דערקענט אויפ'ן 'גאַסט', דער בעל התניא, אַז ער איז אַ גרויסער מענטש, איז ער צוגעגאַנגען צו איהם און זיך אָפּגערעדט פון האַרצן פאַר'ן בעל התניא, אַז ער שפירט אַז ער איז נישט מקיים די מצוה מיט אַן אמת, ממילא, וואָס פאַר אַ ווערד האָט זיין גאַנצע אַרבעט מיט'ן הכנסת אורחים אין זיין הויז. האָט דער בעל התניא זי"ע זיך פאַרטיפט אין זיינע הייליגע געדאַנקען, און נאָך עטליכע מינוט האָט ער געזאָגט פאַר'ן באַלעבאָס, מיט אַ תנועה פון אַ ניגון: 'אָבער דער אָרעמאַן האָט דאָך באמת געהאַט...'. ווי איינער זאָגט, דו זאָלסט זיך נישט אַריינלאָזן אין ספיקות און אין 'נערוון', אַריינצוקלערן אויב דו געבסט מיט'ן גאַנצן האַרץ, ווייל דאָס קען גורם זיין אַז דו זאָלסט אויפהערן דיינע גוטע מעשים. סוף כל סוף, האָט דאָך דער אָרימאַן געגעסן צו דער זעט און געהאַט אַ גוטן געלעגער, און ער האָט זיכער הנאה געהאַט, וואָס דאָס איז דער עיקר פון מצוות צדקה - צו טוהן גוטס מיט אַ צווייטן איד...

דער בעל התניא זי"ע פלעגט טאַקע זאָגן, אַז ביי דער גאַנצער תורה, איז דער כלל 'אחד המרבה ואחד הממעיט, ובלבד שיכוין ליבו לשמים' (ברכות ה:), אָבער ביי צדקה איז פאַרקערט: 'אחד המכוון, ואחד שאינו מכוון, ובלבד שירבה'... - צי ער האָט יאָ אַ כוונה אָדער נישט, דער עיקר איז ער זאָל געבן אַסאַך צדקה...

אין אַ געוויסן אינדערפרי, האָט הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאַנער זי"ע געזאָגט, אַז ער וויל ווערן אַ 'גבאי צדקה'. ווען מ'האָט איהם געפרעגט 'מה יום מיומיים'... וואָס האָט היינט פאַסירט, אַז ער האָט זיך באַרעכנט אַז ער וויל פּלוצלינג ווערן אַ 'גבאי צדקה'? האָט הרה"ק רבי מאיר'ל געענטפערט, אַז אין שלאָף, איז ער געווען ביים בית דין של מעלה, און דאָרט האָט ער געזעהן ווי אַזוי מ'רעכנט דאָרט אָפּ דעם משפט פון יעדן מענטש. אין אָנהייב האָט מען געברענגט צום בית דין איינעם וואָס האָט אַלע יאָרן עוסק געווען בתורה, ער איז געווען ממש אַ 'מלא וגדוש', אַזוי אַז מ'האָט שוין געוואָלט אַרויסגעבן זיין פסק צו גיין אין גן עדן. דאַן זענען אָבער געקומען מקטריגים וואָס האָבן גע'טענה'ט, אַז ער האָט צומאָל געקענט מפסיק זיין אינמיטן לערנען, און אויך איז דאָס גאַנצע לערנען געווען על מנת לקנטר, צו ווייזן פאַר אַנדערע אַז ער קען מער, א.ד.ג. אַלזאָ, דער משפט איז געבליבן מיט אַ 'צריך עיון גדול'...

דערנאָך האָט מען אַוועקגעשטעלט פאַר'ן בית דין של מעלה אַ איד וואָס האָט געדינט דעם אויבערשטען מיט תעניתים און סיגופים, און ער איז אויך אַרויס לכתחילה זכאי בדין, צו גיין אין גן עדן. דאַן זענען אָבער געקומען שלעכטע מלאכים וואָס האָבן מקטרג געווען אַז ער האָט אויך נישט געמיינט ערנסט מיט זיין עבודה. עס איז נישט געווען בתכלית השלימות, בלתי לה' לבדו. איז אויך זיין דין געבליבן הענגען אין דער לופט... צום סוף, האָט מען געברענגט פאַר'ן בית דין אַ בעל צדקה וחסד, וועלכער האָט געטוהן פיל גוטס מיט אַנדערע מענטשן, און זיין משפט איז אַרויס לחיי עולם הבא, אָן שום מקטרגים, און מ'האָט איהם געברענגט צו זיין אָרט אין גן עדן בשמחה ובששון.

אויבערשטער געענטפערט: 'בכי תשא'. זאָגט רש"י: 'אם באת לשאת ראשם בהגבהה, קח מהם כופר לצדקה'. אויב דו ווילסט אויפהייבן זייערע קעפ הויך, זאָלסטו נעמען פון זיי געלט פאַר צדקה, און דורך דעם וועלן זיי זוכה זיין פון דעם אויבערשטען צו אַ 'נשיאות ראש'.

### לקיים את אגרת הפורים - מיטנעמען מיט זיך די השפעות פון פורים

**מיר** פסק'ענען להלכה (או"ח סי' תרצא, ס"א) אַז די מגילה דאַרף האָבן 'שירטוט' (מ'דאַרף אויסקריצן סימנים פון שורות אינעם פאַרמעט, כדי צו קענען שרייבן דערויף די אותיות אויף אַ גראַדן אופן, אַזוי ווי ביי אַ ספר תורה). דאָס איז אַ רמז, אַז די אורות פון פורים דאַרפן ווערן "איינגעקריצט" אין יעדן איד, און עס זאָל נישט זיין "יציאתו כביאתו", ער זאָל נישט אַרויסגיין פונעם יום טוב מיט ליידיגע הענט, אַזוי ווי ער איז אַריינגעקומען אינעם יום טוב"...

**דער** גערער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע זאָגט ("בית ישראל", תצוה תשי"ב), אַז מ'קען דאָס אַרויסלערנען פון דעם פסוק וואָס שטייט ביי דעם "מעיל" פון כהן גדול (שמות כה, לה), "ונשמע קולו בבואו אל הקודש לפני ה', ובצאתו ולא ימות". ווען דער כהן גדול קומט אַריין אין קודש הקדשים, האָבן די "פעמונים" (גלעקלעך) אויף זיין "מעיל" געדאַרפט קלינגען, אַז מ'זאָל הערן אַ קול, און דאָס זעלבע ווען ער קומט אַרויס פונעם קודש הקדשים.

**פרעגט** דער רמב"ן ז"ל, פאַרוואָס האָט דער כהן גדול געדאַרפט לאָזן הערן זיין קול אויך ביים אַרויסגיין, ער טוט דאָך נישט קיין עבודה ביים אַרויסגיין פון קודש הקדשים, אַז ער זאָל זיין מחויב מיתה אויב ער גייט אַרויס 'מחוסר בגדים', אָן די בגדי כהונה?

**ענטפערט** דער "בית ישראל": די הויפט-אויפגאַבע פון אַ מענטש איז, צו זעהן אַז די אורות פונעם יום טוב זאָלן פאַרבלייבן ביי איהם אויך ווען דער יום טוב גייט אַרויס, ווייל וואָס האָט אַ מענטש פון דעם וואָס ער איז 'אַריין' אינעם יום טוב, אויב עס בלייבט איהם נישט איבער פונעם יום טוב ביים אַרויסגיין דערפון, און אויף אַזאַ אופן, האָט ער נישט יוצא געווען ידי חובתו מיט'ן אַריינגיין.

**מיר** געפינען אין דער גמרא (מגילה יג:) אַז המן הרשע האָט געזאָגט צו דעם קעניג אחשורוש, אַז עס וועט נישט שאַטן פאַר זיין קעניגרייך אויב ער וועט

---

האָט הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאַנער געפרעגט: דאָ, אין הימל, איז דאָך דער 'עולם האמת'... פאַרוואָס די צווי פריערדיגע, וועלכע זענען געווען פול מיט תורה און עבודת ה', האָט מען נישט געוואָלט פסק'ענען צו גיין אין גן עדן, און דעם דריטן יאָ? האָט מען איהם געענטפערט, אַז ביי לימוד התורה איז דאָ אַן אָרט אַריינצוקלערן אויב עס איז געווען 'לשמה', מיט די געהעריגע כוונה פאַר'ן כבוד פונעם באַשעפער ברוך הוא. דאָס זעלבע ביי עבודת ה', קען מען פרעגן און נאָכקוקן אויב ס'איז געווען מיט אַן אמת'דיג ריין האַרץ, אָבער ביי חסד, איז דאָך בכלל נישט דאָ קיין אָרט אַריינצוטראַכטן אין די מעשה המצוה, ווייל דער צווייטער האָט דאָך הנאה געהאַט בשלימות... און רבי מאיר'ל האָט אויסגעפירט, אַז דעריבער וויל ער זיין אַ 'גבאי צדקה', זיך צו באַשעפטיגן מיט טוהן חסד מיט אַנדער אידן, זעהענדיג די גרויסקייט פון די מצוה פון צדקה וחסד (ספר 'נועם יעקב' עמ"ס אבות, להרה"ק רבי יעקב מפשעוואָרסק זצ"ל).

הגאון רבי חיים קרייזווירטה זצ"ל אב"ד אנטווערפן (וועלכער איז, אין צוגאָב צו זיין גאונות, אויך געווען באַקאַנט אַלס עסקן נמרץ לצרכי צדקה וחסד במשך פילע יאָרן) פלעגט זאָגן: לערנען אַזוי ווי רבי עקיבא איגר, קענען מיר דאָך נישט. דאַווענען אַזוי ווי ער האָט געדאַוונט, קענען מיר אויך נישט. אָבער טוהן חסד אַזוי ווי רבי עקיבא איגר האָט געטוהן, דאָס קענען מיר יאָ, ווייל ביי חסד, איז דער עיקר לויט דעם מקבל. אויב דער מקבל האָט הנאה פון די הילף וואָס מ'גיט איהם, האָבן מיר דאָך זוכה געווען מקיים צו זיין די מעשה החסד בשלימות (ספר 'מים חיים', תולדות הגר"ח קרייזווירט זצ"ל).

**יז.** אַזוי האָט געזאָגט הרה"ק רבי שמחה בונם זי"ע פון פשיסחא, אויפ'ן פסוק (תהלים מט, כא) "אדם ביקר ולא יבין, נמשל כבהמות נדמו". דער פסוק איז מרמז, אַז דער מענטש וואָס קומט אַריין אין הייליגע און געהויבענע טעג, "ולא יבין" - און ער פאַרשטייט נישט צו זאָרגן אַז די אורות און השפעות זאָלן פאַרבלייבן איבערנעכטיגן ביי איהם, זאָגט אויף איהם דוד המלך ע"ה: "נמשל כבהמות נדמו" - ער איז ליידער צוגעגליכן צו אַ בהמה רח"ל, דאָס הייסט, אַז די בהמה איז פאַר איהם אַ גוטע דוגמא...

חלילה אויס'הרג'ענען די אידן, "דמפקי לכולא שתא בשה"י פה"י", זיי זאָגן אַ גאַנץ יאָר אַז 'היינט איז שבת', אָדער 'היינט איז פסח', וואָס מ'טאָר נישט אַרבעטן (און ממילא, דאַרפן זיי נישט צאָלן שטייערן, ווייל זיי פאַרדינען דאָך נישט קיין געלט).

**דאַרף** מען פאַרשטיין, עס איז דאָך נישט "יום טוב" אַ גאַנץ יאָר, און אויב אַזוי, ווי אַזוי האָט המן געקענט זאָגן אַז זיי זאָגן שטענדיג אַז ס'איז שבת, און ס'איז פסח?

**ענטפערט** הרה"ק רבי אלעזר ריישער זי"ע (געברענגט אין ספר "דבש השדה", אות יד) אַז דער רשע האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם פאַקט וואָס אידישע קינדער זענען אַ גאַנץ יאָר "פאַרנומען" מיט זייערע שבתים און ימים טובים. עס איז געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון דעם רשע, די הכנות וואָס אידן מאַכן איידער זיי זענען מקיים אַ מצוה. אַ גאַנץ יאָר אַרבעטן זיי מיט קיום המצוות. למשל, אויף פסח, טוהען זיי אַסאַך יגיעות און עבודות און טירחות, תיכף פון שנידן דאָס ווייץ, און צו היטן עס במשך פון גאַנצן יאָר, און דאָס זעלבע מאַכן זיי הכנות און פלאַגן זיך אַ גאַנצע וואָך צוצוגרייטן דעם שבת. ממש אַ גאַנץ יאָר, איז זייער גאַנצע עבודה און טירחא נאָר מקיים צו זיין די מצוות.

**אויף** דעם האָט המן געזאָגט צו אחשוורוש, "דמפקי לכולא שתא בשה"י פה"י", אַז זיי זענען אַ גאַנץ יאָר פאַרנומען מיט'ן שבת און מיט'ן יום טוב פסח... און אַזוי זענען זיי זוכה יונק צו זיין און געניסן פון די גרויסע שפע צו לאַנגע יאָרן.

**באמת,** איז נישט שווער פאַר'ן מענטש צו האַלטן אין זיך די אורות פונעם יום טוב. עס איז באַקאַנט די מחלוקת פון די ראשונים פאַרוואָס מען מאַכט נישט אַ ברכה אויף בשמים מוצאי יום טוב. תוספות (פסחים קב: ד"ה "רב", און ביצה לג: ד"ה "כי") זאָגט, אַז מ'מאַכט נישט די ברכה אויף בשמים מוצאי יום טוב, ווייל אין יום טוב האָט נישט דער מענטש אַ 'נשמה יתירה', און דער גאַנצער ציל פון שמעקן בשמים מוצאי שבת, איז דאָך כדי צו דערפרייען דאָס נפש וואָס האָט פאַרלוירן די 'נשמה יתירה'. דער רשב"ם (געברענגט אין תוספות, דאָרט) האַלט אָבער אַז אויך אין יום טוב האָט דער מענטש אַ 'נשמה יתירה'. לויט דעם איז שווער, פאַרוואָס טאַקע שמעקט מען נישט בשמים מוצאי יום טוב?

**ענטפערט** דער רמב"ן ז"ל ('אמונה ובטחון', פכ"א) אַז מוצאי יום טוב, בלייבט די 'נשמה יתירה' יאָ אינעם מענטש, און זי ווערט נישט אָפּגעטוהן פון איהם, אַזוי ווי מוצאי שבת.

**זאָגט** דער הייליגער "קדושת לוי" זי"ע (לפסח) אַ טעם פאַרוואָס יום טוב בלייבט יאָ די 'נשמה יתירה' אויך מוצאי יום טוב, ווייל מיר ווייסן דאָך אַז שבת איז 'קביעא וקיימא', שבת איז שטענדיג דאָ, און עס קומט אַראָפּ דער הימלישער אור אויף דער וועלט מיט אַן 'איתערותא דלעילא', אַ התעוררות פון הימל, אָן דעם אַז דער מענטש זאָל דאַרפן אַרבעטן דערויף. דעריבער גייט אַוועק די 'נשמה יתירה' אין מוצאי שבת, ווייל עס איז צוגעגליכנט צו אַ מענטש וואָס גיט אַ מתנה 'על מנת להחזיר' - מיט דעם תנאי אַז מ'זאָל עס צוריקגעבן צום געבער נאָך אַ געוויסע צייט.

**יום** טוב איז אָבער אַנדערש, ווייל די ימים טובים ווערן דאָך נתקדש דורך די אידן, ממילא קומט אויס אַז די 'נשמה יתירה' קומט דורך די פעולות און יגיעות פון די אידן, און וועגן דעם איז עס מן הדין אַז די נשמה יתירה זאָל נישט אָפּגעטוהן ווערן פון די אידן, ווייל זיי האָבן עס באַקומען מיט זייערע אייגענע כוחות, נישט ווי אַ מתנה וואָס מ'דאַרף צוריקגעבן נאָך אַ געוויסע צייט.

**לויט** דעם, שרייבט דער "ערוגת הבושם" ("ערוגת הבושם", פורים, עמוד תס"ח במהדורא חדשה), אין יום טוב שבועות איז געווען קבלת התורה דורך אַ התעוררות פון הימל, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יט, כ) "וירד ה' על הר סיני", זאָגט רש"י, אַז אַלע הימלען זענען אַראָפּגעקומען אויפ'ן באַרג סיני ווען דער אויבערשטער האָט געגעבן די תורה צו די אידן, און דעריבער איז נאָך מתן תורה, נישט געבליבן אַ קדושה אויפ'ן באַרג סיני, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שם פסוק יג) "במשוך היובל המה יעלו בהר", אָבער פורים, ווען די אידן האָבן מקבל געווען די תורה פון זייער אייגענעם ווילן (שבת פח.), איז פאַרבליבן פונעם אור פון פורים אויך נאָכ'ן יום טוב, ווייל די קבלה איז דאָך געווען דורך אַן 'אתערותא דלתתא', און מיט די יגיעה פון כלל ישראל, און אַזוי ווי לאַנג ווי מען האַלט אָן דעם "קימו וקיבלו היהודים", פאַרבלייבט דער אור פון די קדושה פונעם יום טוב, און עס ווערט נישט איבערגעריסן.

**אַזוי** זאָגט דער 'אמרי נועם' (לר"ח אדר) אויף די ווערטער פון די גמרא (מגילה ז:) "קם רבה ושחטיה לרבי זירא". ביי די סעודת פורים וואָס די הייליגע אמוראים רבה און רבי זירא האָבן צוזאַמען געפּראַוועט, האָט רבה "גע'שחט'ן" רבי זירא'ן. זאָגט דער "אמרי נועם", אויפ'ן וואָרט "ושחט" (ויקרא א, ה) זאָגט דער תרגום אונקלוס "ויכוס" [וואָס מ'קען טייטשן אויך פון לשון 'נכסים' - פאַרמעגנס]. זאָגן די חז"ל עדות אויף רבה, אַז ער האָט 'געקויפט' די טעג פון פורים צווישן זיינע 'פאַרמעגנס', מיט אַ 'לקיחה גמורה'. ער האָט איינגעוואָרצלט אין זיך די אורות פונעם יום טוב, אַז עס זאָל פאַרבלייבן אויפ'ן גאַנצן יאָר, אַזוי ווי די חז"ל זאָגן (ביצה טו:) אַז דער מענטש וואָס וויל אַז זיינע פאַרמעגנס זאָלן האָבן אַ קיום, "יטע בהן אדר" זאָל ער איינפלאַנצן אַ בוים וואָס הייסט 'אדר'. איז דער רמז אין דעם, אַז דער מענטש וואָס וויל זעהן אַ ברכה בגשמיות וברוחניות, דאַרף איינפלאַנצן און איינוואָרצלען אין זיין נפש דעם חודש אדר, און דאָס וועט איהם העלפן באַלייכטן די פינצטערניש אויפ'ן גאַנצן יאָר[יח].

**צוליב** דעם ווערט די מגילה אָנגערופן "אגרת" - אַ בריוו, ווי דער פסוק זאָגט (אסתר ט, כט) "לקיים את אגרת הפורים הזאת השנית". אויך ווערט עס אָנגערופן "ספר", ווי עס שטייט (שם פסוק לב) "ונכתב בספר". זאָגט דער אָסטראָוועצער רבי, הרה"ק רבי מאיר יחיאל זי"ע, דער חילוק צווישן "אגרת" און "ספר" איז, "אגרת" איז אַ נייע "דיוטגמא" וואָס אַלע לויפן איר אַנטקעגן, ווי עס איז דער שטייגער פון מענטש, אַז מ'וויל ווייסן וואָס פאַר אַ "נייעס" עס שטייט דאָרט געשריבן, אָבער אַ "ספר" ווייזט אויף אַ זאַך וואָס האָט אַ קיום אויף אַ לאַנגע צייט.

די דאָזיגע צוויי ענינים, זענען דאָ ביי די מגילה. פון איין זייט, דאַרף מען עס "אָנטאַפּן" מיט פרייד און התלהבות, ווי אַ נייער "בריוו", און פון דער צווייטער זייט, דאַרף מען איינוואָרצלען די השפעות פון די מגילה אין האַרצן, אַז עס זאָל איבערלאָזן אינעם מענטש אַ רושם אויף אַ לאַנגער צייט[יט].

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין מיטצונעמען די השפעות פונעם יום טוב פורים אויפ'ן גאַנצן יאָר, און מיר זאָלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה, וואָס דאַן וועלן מיר לייענען אויך די מגילה מיט די פּאַסירונגען פונעם גלות, און מיר וועלן פאַרשטיין

---

**יח.** אַזוי זאָגט דער "שפת אמת" (ליקוטים לר"ח אדר) אויף דעם וואָס חז"ל זאָגן (תענית כט.) "משנכנס אדר מרבין בשמחה". די חז"ל זאָגן נישט "משהגיע", אָדער "משבא", נאָר "משנכנס", ווייל דער חודש אדר און אַלע זיינע השפעות טובות, דאַרפן "אַריינגיין" אין קערפּער פונעם מענטש... ווען דער "אדר" גייט אַריין אין גוף פונעם מענטש, איז "מרבין בשמחה"...

**יט.** איין יאָר פורים ביי דער "טרינק-סעודה", איז אַ חסיד וועלכער איז געווען אָנגעטרינקען, צוגעגאַנגען צום סלאָנימער רבי'ן, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, און זיך אויסגעוויינט פאַר איהם אַז ער וויל תשובה טוהן. האָט דער "בית אברהם" איהם געזאָגט: "איך וויל דיך זעהן מאָרגן"...

לענינינו, איז דאָ אין די ווערטער פונעם "בית אברהם" אַ טיפערע כוונה, אַז עס איז נישט גענוג וואָס דער מענטש ווערט נתעורר צו תשובה אין דעם טאָג פון פורים, נאָר ער דאַרף זעהן אויך "מחר" - מאָרגן, נאָך פורים, זיך צו שטאַרקן אין לימוד התורה און עבודת ה'.

אַן ענליכע זאַך האָט פּאַסירט ביי הרה"ק רבי מאָטל סלאָנימער זי"ע, אַז אַ איד האָט געוויינט ביי די "טרינק סעודה", אַז רבי מאָטל זאָל איהם לערנען אַ וועג פון תשובה, האָט רבי מאָטל סלאָנימער איהם געזאָגט:

- הער וואָס איך וועל דיר זאָגן, גיי אַהיים און רוה זיך אָפּ... ווען דו וועסט זיך אויסניכטערן פונעם וויין, זאָלסטו צוריקקומען צו מיר, און דאַן וועל איך דיך אויסלערנען אַ וועג פון תשובה, און הלוואי זאָלסטו דעמאָלט געדענקען וואָס דו האָסט גערעדט צו מיר היינט...

הגה"צ רבי יעקב גאַלינסקי זצ"ל האָט דערציילט, אַז אַמאָל שבת ווען ער איז געזעסן ביי דער שבת'דיגער סעודה מיט זיינע חברים, האָט זיך די לעקטער פלוצלינג פאַרלאָשן, און עס איז געווען אַ "צורך גדול" אָנצוצינדן די לעקטער (ווייזט אויס, צוליב די קליינע קינדער וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, און זיי ווערן גערעכנט ווי אַ "חולה שאין בו סכנה", רמ"א או"ח סי' שכ"ח סי"ז). איז מען געגאַנגען זוכן אַ גוי וואָס זאָל טוהן פאַר זיי די מלאכה אין שבת, און נאָך אַ לאַנגע צייט האָבן זיי באַוויזן צו געפינען אַ גוי וואָס האָט איינגעוויליגט צו קומען צו זיי אין הויז.

ווען דער גוי איז אַריינגעקומען אין הויז, האָבן זיי איהם דערציילט אַז זיי האָבן פאַרלוירן אַ רינגל און זיי זוכן עס... זיי האָבן געמיינט מרמז צו זיין פאַר דעם גוי (נישט אויף אַן אופן פון אַ ציווי), אַז זיי נויטיגן זיך אין לעקטער כדי צו זוכן דאָס פאַרלוירענע רינגל [ס'איז נישט געווען דערביי אַ חשש פון הנאה האָבן פון מעשה שבת, ווייל די לעכט זענען געווען אָנגעצונדן, און "נר לאחד, נר למאה", זעה שו"ע סי' רעו, ס"ד]. דער נאַרישער גוי האָט נישט פאַרשטאַנען זייער כוונה, און הערנדיג אַז מ'זוכט אַ רינגל, האָט ער אָנגעהויבן העלפן זוכן דאָס רינגל... וויפיל מ'האָט איהם געוואָלט מרמז זיין אַז מ'וויל ער זאָל אָנצינדן די לעקטער, האָט ער נישט געכאַפּט וואָס זיי ווילן, און ער האָט זיי נאָר כסדר דערמוטיגט אַז זיי זאָלן נישט זאָרגן, מ'וועט אַוודאי געפינען דאָס רינגל...

זעהענדיג אַז דער גוי כאַפּט בכלל נישט וואָס מ'וויל פון איהם, האָבן זיי זיך אַדורכגערעדט וואָס מ'טוט דאָ. האָט איינער פון די יונגעלייט פאָרגעשלאָגן, אַז מ'זאָל זאָגן פאַר דעם גוי אַז מ'וועט איהם געבן במתנה דעם פלאַש ביער וואָס ליגט אינעם 'פרידזשידער', און ווייבאַלד דער גוי וועט דאָך דאַרפן זוכן דעם 'פרידזשידער', וועט ער אַוודאי אָנצינדן די לעקטער... זיי האָבן אַזוי געטוהן, און די עצה האָט טאַקע געהאָלפן, דער גוי האָט אָנגעצונדן די לעקטער, און ווען ער האָט געזעהן דעם פרידזשידער, איז ער אַ באַגייסטערטער צוגעגאַנגען אַהין און אַרויסגענומען דעם פלאַש ביר, אויסגעטרינקען דעם פלאַש, און ביים אַרויסגיין פון הויז, האָט ער פאַרלאָשן נאָך זיך די לעקטער, ווייל ער האָט זיך דאָך שוין נישט גענויטיגט דערין...

דער מגיד מישרים רבי יאַנקעלע ז"ל האָט אויסגעפירט דעם סיפור המעשה, זאָגנדיג, אַז פון דער מעשה קען מען לערנען צוויי זאַכן. ערשטנס, אַז דער גוי, מיט זיין פאַרטעמפּטן האַרץ, טראַכט ער בכלל נישט וועגן אַנדערע מענטשן, און ער וועט נישט אָנצינדן די לעקטער נאָר פאַר זיין אייגענעם געברויך. דער צווייטער לימוד איז, ווען ער ענדיגט טרינקען דעם ביר, וועט ער פאַרלעשן די לעקטער אַזוי ווי פריער, און ער וועט נישט צולאָזן אַז עס זאָל ווייטער שיינען די לעקטער... אַ איד, איז אָבער אַנדערש. ער זוכט שטענדיג צו העלפן און 'אָנצינדן' אויך פאַר אַנדערע מענטשן, און אויך ווען די לעקטער איז אָנגעצונדן וועט ער עס נישט פאַרלעשן. ער פאַרשטייט אויסצונוצן דעם שעת הכושר און די גוטע זמנים, אַריינצושיינען אין זיך אויך אין די וואָכן טעג במשך פונעם יאָר.

דאָס אַלעס קומט אָבער מיט אַ "תנאי קודם למעשה", אַז מ'זאָל זיך פריער באַמיען צו עפענען אַ טירל 'כחודו של מחט' - און דאַן עפנט מען פאַר איהם פון הימל ברייטע טויערן, 'כפתחו של אולם'.

הרה"צ רבי שמואל מונקעס זצ"ל, פון די גרויסע תלמידים פון הרה"ק בעל התניא זי"ע, איז אַמאָל ווינטער געפאָרן אַ נסיעה צום בעל התניא. נישט האָבנדיג קיין געלט אויף די רייזע, האָט ער געזוכט אויפ'ן מאַרק אַ סוחר וואָס פאָרט אפשר אין דער געגנט פון לאַדי, כדי ער זאָל קענען מיטפאָרן מיט איהם. ער האָט טאַקע געטראָפן איין סוחר וואָס איז געפאָרן אַהין מיט אַסאַך פעסלעך בראָנפען צו פאַרקויפן. דער סוחר האָט זיך אָבער אַנטשולדיגט אַז אינעם וואָגן גופא, האָט ער נישט קיין פלאַץ פאַר רבי שמואל'ן, צו זיצן, נאָר אויב ער וויל זיצן צוזאַמען מיט דעם בעל עגלה צווישן די פעסער בראָנפן, קען ער מיטפאָרן. רבי שמואל האָט זיך געפרייט אַז ער קען פאָרן צום רבי'ן, און נישט געקוקט אויף די שווערע באַדינגונגען וואָס ער האָט געהאַט אויפ'ן וועג, ווען ער דאַרף זיך דאָ צוזאַמענקוועטשן מיט'ן בעל עגלה, בשעת דער סוחר זיצט זיך באַקוועם אויפ'ן וואַרימען וואָגן, אין די שווערע קעלטן וואָס הערשן ווינטער אין רוסלאַנד...

אינמיטן וועג, האָט רבי שמואל געבעטן דעם סוחר, ער זאָל איהם ערלויבן צו טרינקען אַביסל בראָנפען, כדי צו דערוואַרימען זיינע פאַרפרוירענע ביינער אין די שווערע קעלטן... דער סוחר האָט איהם טאַקע געגעבן צו טרינקען בראָנפען פון איינעם פון די פעסער, און רבי שמואל האָט זיך דערקוויקט דאָס לעבן.

ווען ער איז אָנגעקומען קיין לאַדי, און איז אַריין נעמען שלום פונעם בעל התניא זי"ע, האָט רבי שמואל באַלד זיך געזעגנט, ווייל ער פאָרט שוין אַהיים... האָט דער בעל התניא זיך זייער געוואונדערט דערויף (בדרך כלל, פלעגט רבי שמואל פאַרבלייבן ביים בעל התניא וואָכן אָדער גאָר חדשים, און דאָ פאָרט ער שוין אַוועק נאָכ'ן ווייַלן ביים רבי'ן צוויי מינוט... ספּעציעל אַז די נסיעה איז געווען פאַרבונדן מיט אַזעלכע גרויסע טירחות). האָט רבי שמואל געזאָגט פאַר דעם בעל התניא:

- דער תכלית פון מיינע נסיעות צום רבי'ן, איז דאָך כדי איך זאָל הערן 'דברי אלקים חיים', תורה פונעם הייליגן רבי'ן, און צו וויסן ווי אַזוי איך דאַרף זיך פירן. יעצט האָב איך אָבער געלערנט אויפ'ן וועג, ווען איך בין געזעסן נעבן אַזוי פיל פעסער בראָנפען, און פונדעסטוועגן בין איך פאַרפרוירן געוואָרן פון קעלט, נאָר ערשט נאָך דעם ווי איך האָב געעפנט אַ פעסל און טועם געווען פונעם בראָנפען, און איך האָב עס אַריינגענומען אין מיין פנימיות,

די סודות פון באַשעפער אַז אַלעס איז געווען לטובה, ווי דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט ווען ער איז געווען בדביקות, אַז פון אַלע צרות פון כלל ישראל איז געשריבן געוואָרן אין הימל אַ מגילה, אַזוי ווי מגילת אסתר אין די צייטן פון אחשוורוש, און מגילת אנטיוכס אין די צייטן פון מלכות יוון, און צום סוף האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אַלעס איז געווען צום גוטן. אַזוי זאָלן מיר זוכה זיין צו זעהן בקרוב ווי אַלעס איז געווען לטובה, "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד", און זוכה זיין צו אַלע גוטע השפעות בטוב הנראה והנגלה, אמן ואמן.

---

האָב איך זיך דערוואַרימט דעם קערפּער... פון דעם האָב איך געלערנט, אַז מ'קען שטיין אין גרויסע און געהויבענע זמנים, און זיך דרייען ביי די גרעסטע און הייליגסטע צדיקים, און פונדעסטוועגן, קען מען בלייבן 'קאַלט ווי אייז'... נאָר מיט די געהעריגע עבודה און יגיעה, קען מען אַריינעמען די לעכטיגקייט אין פנימיות פון האַרץ, און וועגן דעם פאָר איך שוין יעצט אַהיים, כדי צו אַרבעטן אויף דער דאָזיגער זאַך, און מיט דער צייט וועל איך, אם ירצה השם, צוריקקומען אַהער, קונה צו זיין נאָך דרכים אין עבודת השם...

פון דער מעשה לערנען מיר, עס קענען אַדורכגיין די טעג פון פורים, און דער מענטש זאָל ווייטער זיין 'פאַרפרוירן' פון קעלט, רחמנא ליצלן... אויב מ'טוט נישט איינקריצן אין האַרצן ווי אַ נאָגן וואָס מ'קען נישט אַרויסנעמען, קען מען זיך קיינמאָל נישט אויפהייבן.

נאַרישער פאַרשוין וואָס האָט אָנגעפילט זיין קאר מיט גאַזאָלין און איז געבליבן שטיין אויפ'ן אָרט...

# Bring Reb Meilech's Messages of Hope, Emunah and Joy to Your Seder!




*by* YISROEL BESSER

**Reb Meilech Biderman** has touched all of Klal Yisrael with his messages of *chizuk*, bringing us uplift and hope, filling us with confidence that we can make good things better. His weekly shiurim are followed by tens of thousands.

Now, ***Reb Meilech on the Haggadah*** brings his message of emunah and hope to our Seder table.

ARTSCROLL

מכון באר האמונה